Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

Najer Folksblat

פרייז 30 גראשען

היינט 16 זייטען

נייער פאלקסבלאט

אומפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 223 (1218 | Łódź, Piątek 23 Września 1927 | פרייטאג יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג כ״ו אלול תרפ״ז | Nr. 223 (1218

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 24-71. | Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, Tel. 24,71.

די בעוואוסטע יודישע שאקאלאדען-פאבריק „ZŁOTY RAJ" מעכט בעקאנט, אז צו דער בעקוועמליכקייט פאר דעם געעהרטען פובליקום האט זי ערעפענט א פיליאלע אויף צעגעלניאנא 26

גליקווינשט איהר געעהרטער קונדשאפט א כתיבה וחתימה טובה.

אונזערע פיליאלען: זאוואדזקא 11, חכבארניא 50, צעגעלניאנא 26.

צו די קומענדיגע ימים-טובים
אין גרעסטען אויסוואהל
פון אלע פאסאנען,
קאלירען און קוואליטעטען
אינ- און אויסלענדישע

מענער-היט

— עמפפעהלט —

804

מ. קאפעלושניק, קאנסטאנטינער 8



יוד. סאצ. ארב. פארטיי „פועלי-ציון" (פער. מיטצ. מ. פ.)
זאל „אימפעריאל" רוג זאכאדניא און זאוואדזקא.

שבת, דעם 24-טען סעפטעמבער פונקטליך 8 א זייגער אווענד קומט פאר א רעפעראט פון ה׳

ד״ר אברהם רייזעין

(בעוואוסטער שריפטשטעלער און רעדאקטאר פון „יודישען-זשורנאל" אין קאנאדע).

א.ד.ט.: „די יודישע ארב. בעוועגונג אין אמעריקא און קאנאדע"

איינגאנג 50 גראשען. 649 בילעטען ביי דער קאסע.

בעקאנטמאכונג.

מוצש״ק, ד. 24 סעפטעמבער פונקטליך 8 אווענד קומט פאר א גרויסע

וואהל-פערזאמלונג

נאווא-צעגעלניאנא 10 אין דער וואוינונג פון

פאביאניצער רבי שליט״א

645 דער אריינגאנג איז גאר נעמען די נאמענטליכע איינלאדונגען.

וואהל-קאמיטעט פון
לאדזער יודישער איינוואוינער.

זאל פילהארמאניע, נארוטאוויטש-נאס 20.

בית תפלה לימים הנוראים

ראש השנה ויום כפור ווערט דאווענען אין „קאנצערט-זאל"

דער בעריהמטער חזן און אויסגעצ. מתפלל ב׳ אבערקאנטער פון ווילנער שטאט-שוהל ר׳

עוזר מנחם זשופאוויטש

(בן הרב ר׳ חיים אריה נ״י מגראדנא, א תלמיד פון דעם וועלט-בעריהמטען אדעסער חזן און קאמפאזיטאר פיניע מינקאווסקי ז״ל) מיט׳ן אנטייל פון דעם היגען פראפעס. גוט-איינשטודירטען כאר פון 60 פערזאן אונטער דער לייטונג פון בעוואוסטען דיריגענט און קאמפאזיטאר ה׳ י. דוביז.

ס׳איז צו האפען, אז דורך די מתיקות׳דיגע תפילות פון דעם היי-יאהר אנגאזשירטען ווילנער חזן און פון די נייע קאמפאזיציעס, וועלכע זיינען פארגעבריים געווארען ספעציעל צו די תפילות וועלען די מתפללים האבען דעם גרעסטען גייסטיגען גענוס.

בילעטען-פערקויף הויבט זיך אן פון זונטאג, א׳ דסליחות, דעם 18. סעפטעמבער און טעגליך פון 9 פריה ביז 9 אווענד אין קאסע פון קאנצערט-זאל.
989

בעמערקונג: ערב ראש השנה ווערט דער פערקויף פון די בילעטען זיין נור פון 9 פריה ביז 4 נאכמיטאג. מתפללים פון קאנצערט-זאל, פערזוכט אייך בעצייטענס מיט בילעטען.

הערינג ביליג!

דערמיט מאך איך בעקאנט דער ג׳ קונדשאפט, אז מיין לאגער איז ווידער ערעפענט געווארען און איז פערזעהען מיט א רייכען אויסוואהל פון די פיינסטע מאטיאס „קאסטעלבי", אליקעס, שאטישע און פערשידענע אנדערע הערינג צו ביליגע פרייזען אויף לייכטע בעדינגונגען. קומט און איבערצייגט אייך!

מיט אכטונג א. י. בערגער זגערזשער 18. טעל. 32-78

פערגעסט נישט,

... דאס די ערשטע ...
קאנקורענץ - פערפומעריע
... איז נור ביי ...

S. BUCHWEITZ

Łódź, Piotrkowska 22, tel. 31-43.

וואו איהר בעקומט צו די ביליגסטע פרייזען
זייף, פודער, פערפום, קרעמען אין- און אויסלענדישע.
לכבוד יו״ט ספעציעל פראנצויזישע פערפומען אויף דער וואג

א לאקאל

אין בעסטען צענטרום פון שטאט, קוקער אפיציגע, פאסיגער און ערשטער שטאק אויף פאלודניאווא 15 געאייגנעט
צו האנדעלס אדער פאבריקס-אונטערנעהמונג
צוועקמעסיג אויף א זאל איז צו פערמיטען
646 צו ערפאהרען ביים וועכטער.

Dr. 475
L. Szyfman
ווערשעלאנא 3 טעל. 6-72
צוריקגעקעהרט
נעהמט אויף אן אין דער לעטשניצע וזשזשאנער 11

נייעס! נייעס!
געדריקטע לשנה טובה ווינש-קארטלעך מיט אייגענע פאטאגראפיעס פערטיגט אויס ביליג און שנעל נור די פאטאגראפיע-אנשטאלט „סטודיא"
פולנאצנא 29 (עק סאלנא)
בעמ.: מוסטערן קען מען זעהן אין די אויסשטעלונגס אויפ׳ן ארט.
947

ווארנונג!

דערמיט מאך איך אויפמערקזאם די לאדזער האנדעלס-פעראיינען פאררזיכטיג צו זיין אנצונעהמען וועקסלען פון אברהם גאלדבערג, לאדז, נארוטאוויטשא 12, וועלכער איז מיר שולדיג זייט 2 יאהר שולדיג א בע-דייטענדע סומע און וועקסלען פון אייגענער אויסשטעלונג, וועלכע ער האט נאכ-הער רעגולירט און קיין איינעם פון די רענגולירטע וועקסלען אויך נישט בעצאהלט.

DOM HANDLOWY
N. Margulies,
Łódź, Sienkiewicza 10.

689

קינא

ביים קאאפעראטיוו פון מלוכה-, קאמונאלע און נע-ועלשאפטליכע בעאמטע
40 שיענקעוויטשא 40.

פון דינסטאג, דעם 20/9 ביז מאנטאג אײנשליסליך — גרויסער פראכט-פראגראם!

די גרעפין אויף דער ריוויערע

(פרײלײנס — האטעל — פרויען)

אין די הויפט-ראלען: MARJA KID, Jerzy Aleksander i H. Mierendorf אין די הויפט-ראלען:

אויסערן פראגראם: בעזוך פון ה׳ פרעזידענט מאשטשיצקי אין לאדז.

דער קינעמאגראפישער פראגראם: „די מיין איינציגע״. אנהויב 5.30, 7.30 און 9.30. שבת, זונטאג און יום-טוב 3 נ״מ.

די ביליגסטע איינקויפס-קוועלע שיך

פון דאמען-, הערען- און קינדער-

סאלידע שיך פון אייגענער אויסארבייטונג, ווי אויך אויסלענדישע.

פון דער עסטרייכישער פירמע „BALLY״, אויסשליסליכער אליין-פערקויף פון די טשעכישע פירמעס „TIP-TOP״

J. WINDMAN לאדז, פיעטריקאווער 35

טעלעפאן 12-23.

ראנקזאגונג.

דערמיט דריקען מיר אויס אונזער הערצליכסטען דאנק דעם בוי-אונטערנעהמער ה׳

JACÓB D. PACANOWSKI, Cegielniana 28

פאר זיין אונערמידליכע ארבייט, רייעלע און שעהנע אויספירונג פון אונזער בייגעבויטער שוהל-געביידע בית-הכנסת „באר מרים״ נאװא זארזשעװסקא 18 (גייער-ריאן)

און ווינשען איהם א כתיבה וחתימה טובה צום נייעם יאהר. פאר די פערוואלטונג אוז בוי קאמיטעט

דאזשר מאיי פלאצקער און משה גאלדהירש. 633

8-טנג האנדווערקער און כאלופניקעס!

דער הא.דווערקער-פעראיין אין לאדז, זאכאדניא 66

רופט אלע ארימע הענדווערקער און כאלופניקעס אויף א

גרויסע וואהל-מיטינג

וועלכער קומט פאר שבת, דעם 24-טען סעפטעמבער, 3 א זייגער נאכמיטאג אין

זאל „אימפעריאל״, רוג זאכאדניא און זאװאדזקא

ארויסטרעטען וועלען די ח״ח: ראטערמאן (ווארשע), ראטמאן ליכטענשטיין, פערקאוויטש. בעאטום נאדבערג און אנד. 509

Dr. H. WEISSHOFF

אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען; זאװאדזקא 23

טעלעפ. 62—95

צוריקגעקעהרט.

נעמט אן פון האלב 4 ביז 5

5 נאכמיטאג. 996

Dr. med.

WOLF EYCHNER

גינעקאלאג-אקושער

צוריקגעקעהרט.

נעװרזשער 11,

טעלעפאן 34-72.

ביים יובעליר

א. קירשענבוים,

31 פעטריקאווער 31

בעקומט מען פערשיד. גאלד- און זילבער- אויסארבייטונגען, ווי אויך פון פלאטינע, איינפאסונג פון טייערע שטיינער. אויך נעהם איך אן פערש. רעפערא-טורען צו מעסיגע פרייזען. 206

ערשטקלאסיגער

קירזשנער-ווערקשטעל

מ. שאליט, פעטריקאווער 33

עמפפעהלט צום ווינטער-סעזאן זעמטליכע פעלץ-אויסארבייטונגען פון אייגענע און אנפערטרויטע וואַרע. צוגענגליכע פרייזען און בעדינגונגען.

1-טע לאדזער כעמישע

פעלץ-פארבערײ

— און — גארבעריי

W. Schönman, GDAŃSKA (Długa) 8, II p. front

נעמט-אן צום פארבען אלע ארט פוטער אויף אלע קאלירען, ווי אויך אפ-פרישען אויף די פאריגע קאליר. נעמט-אן צום שטרייכען שטריימלען און אלע ארט פוטער דורך עלעקטריע, דאס די אויבערהאר ווערט נישט בעשעדיגט.

אלעס נאך לייפציגער סיסטעמען. | דויערהאפטיגע פארבען. | צוגענגליכע פרייזען.

רייניגונג פון ווייספוטער.

קוואליפיצירטע שטריקער-ארבייטער

און נעהערינס ווערען בעזוכט קאנסטאנטינער 36

ביי בערקאוויטש.

זאל „אימפעריאל״, רוג זאוואדזקא און זאכאדניא

לשמוע אל הרנה ואל התפלה

דער וועלט-בערימטער קאמפאזיטאר און רעליגיעזער חזן פון בודא-פעשטער שטאט-שוהל, ה׳

יונה ליבערמאן

וועלכער איז איינגעלאדענט צו דאווענען די ימים נוראים אין זאל „אימפעריאל״, וועט געוויס האבען דעם גרעסטען ערפאלג מיט זיין הערליכען שטימע און טאלאנטפולען זאגען, וועלכעס מאכט ביי די ב׳ מתפללים דעם גרעסטען איינדרוק.

אנערקענטער ליבערמאן מיט זיינע שאפונגען שטודירט איין ספע-ציעלע תפלות, וועלכעס דאס לאדזער יידישע פובליקום וועט פערשטעהן אפצושאצען זיין טאלאנט פון דעם געניאלען יוד. חזן.

הזן ליבערמאן דאווענט מיט א גוט ארגאניזירטען כאר אונטער דער לייטונג פון בעקאנטען דיריגענט און מוזיקער ה׳ ה.ג. רומשאווסקי. אויך נעהמט אנטייל דער בערימטער 15-יעהריגער חזן ה׳ דוד׳ל וויסבערג אלס סאליסט אין די קאמפאזיציעס, וועלכע זיינען ספעציעל געשאפען געווארען פאר איהם.

פלעצער צו דינגען יעדען טאג ביי דער קאסע פון „אימפעריאל״ (רוג זאוואדזקא און זאכאדניא) פון 9 פריה ביז 9 אווענד. צו צוגענגליכע פרייזען; די פערוואלטונג.

לשמוע אל הרנה ואל התפלה.

זאל פאלודניאווא 10

עס ווערט געדאווענט ראש-השנה און יום-כפור מיט

בעריהמטע חזנים מיט אן איינשטודירטען כאר

בימע זיך צייטליך צו פערזעהן מיט פלעצער. 551



וויל׳סט קויפען

מעבעל

מאדערן, דויערהאפט אויף די בעקוועמסטע בעדינגונגען

טא געה צו דער פירמע

Markowicz i Nasielski Piotrkowska 6

לשמוע על הרנה ואל התפלה

מיר מאכען בעקאנט, אז אין דעם ניי-רעמאנ-טירטען ווארשאווער-זאל

פאלודניאווע 36

וועט אויך דאס יאהר געדאווענט ווערען די ימים-נוראים מיט די זעלבע גוטע בעלי תפלות וואס אין פאריגען יאהר און מיט א גוט איינשטודירטען כאר לויטיג און בעקוועם. צופרידענהייט געזיכערט.

פלעצער קען מען דינגען יעדען טאג אין זאל פון 9 פריה ביז 10 אוו נד. 102

צו דער פערלאבונג פון ארל.

רבקה גאלדהאמער (אלעקסאנדער)

מיט ה׳ י. פרענקעל (לאדז)

ווינשט א גליקליך צוזאמענלעבען און צופרידענ-הייט אין נייעם לעבענס-וועג.

שמואל כעלעמער.

600 אלעקסאנדער אין סעפטעמבער 1927.

פלעצער ••• צו ••• פערקויפען

אויף ווינטער-וואוינונגען

20 מינוט רייזע אונטער לאסק צווישען פאבריקא און ראקאשיצע פון 500 ביז 1000, לייכטע בעדינגונגען.

צו ערפאהרען אין אדמ. פון דער צייטונג. 948

ראנקזאגונג!

מיר דריקען אויס דעם בעסטען דאנק דעם ג׳ ד״ר י. הערשפינקעל זאװאדזקא 15 פאר זיין אונערמיד-ליכער איבערגעבענהייט ביים אויסקי-רירען אונזער ליב קינד. גלייכצייטיג ווינשען מיר א כתיבה וחתימה טובה.

פאמיליע ראזענצווייג, פאלנאצנא 14.

אצימער

אלס סובלאקאטאר זוכט צו מיטוהען א אינטעל-ליגענט פאר פאלק מיט אין קליין קינד, אהן קינד. מעבלירט געוואונשען. אפפערטען אפציגעבען אין דער אדמיניסטר. פאר M.U.

מיר דריקען אויס אונזער טיפסטען ביילייד אונזער געעהרטען וויצע-פרעזעס נטע הימעלפארב צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זיין אונפערגעסליכע פרוי

בילה נ״ע

המקום ינחם אותך בתוך שאר אבילי ציון וירושלים.

די פערוואלטונג 603

פון די ת״ת פעפער גאס 18.

שענע שפילצייג

חיות, קינדער-מעבעל, שפילען און פיל אנ-דערע שפילצייגען אמביליגסטען עמפפעהלט:

„URANIA“ wł. H. Lange, Zielona 15,

שעהנע, עלעגאנטע דאמען

האבען צו פערדאנקען זייער אויסזעהן. נור דעם ערשטקלאסיגען דאמען-פריזיר-אנשטאלט

ל. ראזענצווייג

זאװאדזקא 26, טעל. 24-45

אנדולאציע, מאניקור, מאסאזש, פארבען די האר מיט **HENNE L'OREAL**

די נייעסטע ערפינדונגען אויפ׳ן געביט פון שעהנהייטס-פלעגע ווערען ביי מיר אנגעווענדעט— כדי אויסצומיידען א געדראנג אום ערב יו״ט איז

מיין פערסאנאל פערגרעסערט געווארען מיט ערשטקלאסיגע כוחות. 629

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען אין עלטער פון 74 יאהר געשטארבען אונזער הייסגעליבטע מוטער, גראסמוטער, שוויגער-מוטער און טאנטע 642

נ. ע. רבקה גראסמאן

אשת ר׳ שרגא פייוועל ז״ל

די לויה קומט פאר היינט, פרייטאג דעם 23. סעפטעמבער ד. י. 11 א זייגער פארמיטאג פון טויער-הויז זגערזשער 49, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

אימיגראַנטען-צרות אין אמעריקא.

יעדען חודש ווערען פון אמעריקא ארויסגעשיקט טויזענד אימיגראַנטען.

וואַשינגטאָן. (י.ט.א.) פּריוואַטע אימיגראַנטען ווערען אין דורכשניט ארויסגעשיקט יעדען מאָנאַט פון אמע-ריקע. לויט דער ערקלערונג וואָס איז דאָ געמאַכט געוואָרען דורכ'ן אימי-גראַציע קאָמיסיאָנער, העדי האַל.

אין משך פון דעם לעצטען יאָהר זענען 11,661 אימיגראַנטען ארויסגע-שיקט געוואָרען פון די פאַראייניגטע שטאַטען. פון זיי זענען 5464 ארויסגע-שיקט געוואָרען דערפאַר, וואָס מען האָט אויסגעפונען, אַז זייערע וויזעס זענען נישט קיין ריכטיגע. 953 זענען ארויס-געשיקט געוואָרען פאַר קרימינעלע פאַרברעכען.

אַ צאָהל פון 708 איינוואַנדערער זענען ארויסגעשיקט געוואָרען לעצטען יאָהר, ווייל זיי האָבען נישט געקענט ליינען. 594 האָבען געמוזט צוריקגע-שיקט ווערען צוליב שוואַכזין, עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז זיי האָבען גע-ליטען פון שוואַכזיניגקייט נאָך איידער זיי זענען געקומען קיין אמעריקא. אַ צאָהל פון 569 זענען ארויסגעשיקט געוואָרען צוליב דעם, וואָס זיי זענען געפאַלען צו לאַסט דער געזעלשאַפט.

אַלע צוריקגעשיקטע,—האָט קאָמיש יענער האָל דערקלערט, — האָבען גע-קריגען די מעגליכקייט צו ערשיינען אויף אַ פאַרהער פאַר דער באָארד פון די אימיגראַציאָנס-אינספּעקטאָרען. זיי האָבען אויך גהאַט אַלע מעגליכקייטען צו אַפּעלירען צום אמעריקאַנער גע-ריכט: אין זעגען ארויסגעשיקט געוואָר-ען נאָר דאַן ווען דאָס געריכט האָט צוריקגעוויזען זייערע אַפּעלאַציעס".

קיהלען מאַנגאַטען ווילען אויפשרויפען די פּרייזען פון קיהלען.

וואַרשא, 22. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). ביים האַנדעלס מיניסטער איז געווען אַ דעלע-גאַציע פון די אויבערשלעזישע בערג-ווערקען, וועלכע האָבען זיך פאַרלאַנגט עס זאָל געהעכערט ווערען דער פּרייז פון קיהלען.

ביודזשעט פון דער ארץ-ישראל רעגירונג.

ירושלים, 22 (טעלעגראַפיש דורך יט"א) נישט קוקענדיג אויף'ן הערשענדען קריזיס אין ארץ ישראל זענען די הכנסות פון יאָהר ארץ ישראל-רעגירונג פאַר אַפּריל, מאַי און יוני געווען פיל גרעסער ווי די הוצאות. די הכנסות זענען געווען 471,746 פונט און די הוצאות 457,104 פונט.

פּרעמיער מאַרשאַל פּילסודסקי קאָנפערירט מיט'ן וויצע-פּרעמיער.

וואַרשא. 22 (טעלעפאָניש פון אונזער ספּעציעל-קאָרעספּאָנדענט) פּרעמיער מאַרשאַל פּילסודסקי איז היינט געקומען אין מיניסטעריען ראַט און גע-האַלטען אַ קאָנפערענץ מיט'ן וויצע-פּרעמיער פּראָפ. באַרטעל.

ענטוואָפנונגס-קאָנפערענץ אין נאָוועמבער.

גענף, 22 (ספּ. טעל.) ווי מען גיט איבער אין די קרייזען פון דער פעלקער-ליגע, וועט די ענטוואָפנונגס-קאָנפערענץ פאָרקומען אין נאָוועמבער. דער ענגלישער טערמין וועט באַשטימט ווערען די טעג.

סאָוויעטען האַלטען ביים באַצאָהלען פראַנקרייך די אַלטע צאַרישע חובות

מאָסקווע, 22 (ספּ"ע). ליטווינאָוו האָט ערקלערט, אַז צווישען פראַנקרייך און סאָוויעט-רוסלאַנד איז געקומען צו אַ פולשטענדיגען הסכם ווענען די פאַר מ'חמה חובות פון רוסלאַנד צו פראַנקרייך. די שוועריגקייט באַשטעהט נאָר אין דעם אין דער פראַגע ווען באַשטימען די גרוס פון די קרעדי-טען, וואָס רוסלאַנד זאָל באַקומען פון פראַנקרייך.

די סאָוויעטען-רעגירונג איז גרייט אין משך פון די נאָהענטסטע 6 חדשים איינצאָהלען אין אַ פראַנצויזישער באַנק 30 מיליאָן גאָלד-פראַנק אַלס ערשטע ראַטע אויף צו דעקען די קריגס-חובות.

ליטווינאָוו האָט אונטערגעשטראָכען, אַז דער ענגלישער טעקסט פון אָפּמאַך וועט בקרוב פאַרעפנטליכט ווערען. נאָכדעם קען מען ערוואַרטען די ראַטיפיקאַציע פון פראַנקרייך.

ווי אַזוי פּוצט מען די שיך?

אַזוי ווי יעדער קולטורעלער מענש היט אָפּ דאָס ריינקייט און געזונד פון זיין לייב, אַזוי אייגען דאַרף יעדער אָפּהיטען די היגיענע פון זיין אנצוג, און קודם כל פון די קאָמאַשען. דאָס לעדער ביי די קאָמאַשען איז זעהר זאַ-ראָוושליוו און אַ נישט פערשטענדליכען באַנוצען מיט זיי מאַכט, דאָס, אַז זיי פערליערען דעם גלאַנץ און עלאַסטיש-קייט און ווערען שנעל צושאָנדען.

פאַר דעם. אז מיר ווילען, דאָס די טייערע שיך זאָלען שטענדיג זיין אין דער בעסטער אָרדנונג, טאָרען מיר נישט באַנוצען שלעכטע פּאַסטעס, וואָס ענטהאַלטען שעדליכע סובסטאַנצען גור פּאַסטע, וועלכע דינט נישט נאָר צו פּוצען די שיך, נאָר מאַכט דאָס לעדער ווייך און עלאַסטיש און גיבט זיי אַ שיינעם העלען גלאַנץ. דאָס קען נאָר אויספיהרען די איינציגע און בעסטע פּאַסטע „Urbin“. וואָס יעדער איינציגער קען זיך איבערצייגען בח ם, באַצענדיג זייגע שיך אָפּצופוצען די נאַסען-פּוצערס. וועלכע ווערען פון דער פירמע „Urbin“. ספּע-ציעל אויסדערלערנירט אין דער שטאָדט.

פּויליש-דייטשע אונטערהאַנדלונגען אויף אַ טויטען-פונקט.

וואַרשאַ. 22 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) די דייטש-פּוילישע ווירטשאַפטליכע אונטערהאַנדלונגען שטעהען נאָך אויף אַ טויטען-פונקט די דייטשע פאַרטרעטער האָבען וועגען דעם זייער פערזענליכע מיינונגען און דאָס באַשוועהרט די אונטערהאַנדלונגען

פּראָטעסט פון סענאַט-מאַרשאַלעק צום מלוכה-פּרעזידענט.

וואַרשאַ, 22 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). לויט'ן באַ-שלוס פון סעניאָרען-קאָנווענט האָט דער סענאַט-מאַרשאַלעק צוגעשיקט צום מלוכה-פּרעזידענט אַ פּראָטעסט-בריף, אין וועלכען עס ווערט פּראָטעסטירט גע-גען אָפּלעגען די סעסיע פון סענאַט אויף 30 טעג.

די גרויסע שאָדענס פון די יורען אין קאַרפּאַטען-רוסלאַנד צוליב דער פערפלייצונג:

מונקאַטש, (ט"א). די גרויסע פערפלייצונגען, וואָס זענען לעצטענס פאָרגעקומען אין די דרום און מזרח-געגענדען פון קאַרפּאַטען-רוסלאַנד, האָבען געבראַכט פיל שאָדענס דער יודי-שער באַפעלקערונג, פיל הייזער אין די יודישע שטעדלעך זענען געגצליך פער-ניכטעט געוואָרען דורך די שטאַרקע וואַסער-שטראָמען. צום גליק זענען קיין מענשען קרבנות נישט געווען.

סכנה פון אמעריקאַניש-פראַנצויזישען צאָל-קריג

פּאַריז, 27 (פּאַט). די אַמעריקאַניש פראַנצויזישע אונטערהאַנדלונגען וועגען אַ האַנדעלס-טראַקטאַט זענען אריין אין אַ קריטישען סטאַדיום.

איינינע צייטונגען האַלטען אָפילו, אַז עס איז מעגליך אַ צאָל קריג

מילעראַנ'ס אָרגאַן „ל' אווערה“ ווערפט פאַר אַמעריקא פאָר, אַז עס פעהלט איהר פערשטענדיגונג פאַר פראַנקרייך אַלס לאַנד, וואָס האָט אַ סך געליטען בעת'ן קריג און וואָס איז באַלאַסטעט מיט גרויסע חובות צו דער רייכער אַמעריקא.

יודישער „פען“-קלוב אין ווילנא.

וואַרשאַ. 22 (י.ט.א. טעלעגראַפיש) דער ליטעראַטען-קלוב ביים יודישען ליטעראַטען- און זשורנאַליסטען פאַראיין אין וואַרשאַ האָט אין הסכם מיט'ן באַ-שלוס פון לעצטען אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס, באַשלאָסען, אַז דאָס זיץ-אָרט פון יודישען פען-קלוב זאָל זיין אין ווילנאַ, כדי צו אָרגאַניזירען דעם פען-קלוב איז אַוועקגעפאָהרען קיין ווילנאַ דער פאָרזיצענדער פון ליטעראַטען קלוב ז. סעגאַלאָוויטש.

פּערלעגער ג'טלין פער'משפט אויף 2 חדשים טורמע.

וואַרשאַ, 22 (דורכ'ן טעלעפאָן) דאָס וואַרשאַווער קרימינאַל געריכט האָט דעם פערלעגער ג'טלין פער'משפט אויף 2 חדשים טורמע פאַר ארויסגע-בען אין יאָהר 1920 דעם פּראָגראַמ-דעקלאַמאַטאָר אין וועלכען עס זענען געווען געדרוקט דער אינטערנאַציאָנאַל און די שביתה פון ש. אַן-סקי און לידער פון מאָריס ראָזענפעלד, רייזען און אַנד.

ציגיינער—מענשענפרעסער

עס שטעהט פאַר א אונגעהויער סענסאַציאָנעלער פּראָצעס.

פּראַג, 22 (פּאַט) דער פּראָצעס פון דער באַנדע ציגיינער, וועלכע ווערען באַשולדיגט אַלס מענשען-פרעסער, וועט זיין איינע פון די גרעסטע פּראָצעסען פון איצטיגען יאָהר הונדערט.

עס ווערען באַשולדיגט 46 ציגיינער, דער פּראָצעס וועט דויערען אַרום 4 חדשים. בלויז דאָס לעזען דעם באַ-שולדיגונגס-אַקט וועט דויערען אַ וואָך צייט.

רעפּ. קאַפּאַנקאַ פער-לאַנגט מען זאָל איהם משפט'ן.

וואַרשאַ, 22. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). דעפּ. קאַפּאַנ-קאַ האָט געשיקט צוגעשיקט צום סיים-מאַרשאַלעק אַ בריף, אין וועלכען ער בעט, צו באַשטימען אַ סיים-געריכט, וואָס זאָל אויספאָרשען די אַלע באַ-שולדיגונגען געגען איהם.

קהלה-וואַהלען אויף די קרעסען.

וואַרשאַ, 22 (דורכ'ן טעלעפאָן) דעפּ. קירשבוים האָט היינט קאָנפע-רירט מיט'ן דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַ-מענט פאַר רעליגיעזע ענינים וועגען די קהלה-וואַהלען אויף די קרעסען.

איינוואַנדערונג און אויסוואַנדערונג פון ארץ-ישראל.

ירושלים, 22 (יט"א טעלעגראַפיש) אין פערלויף פון חודש יולי זע-נען איינגעוואַנדערט קיין ארץ-ישראל 273 עמיגראַנטען, פון דעם 123 יודען. אויסגעוואַנדערט האָבען 618 פון דעם 383 יודען.

Dr. med. H. NADEL

17 פּיעטריקאָווער 17

ספּעצ. פון אינערליכע קראַנקהייטען

צוריקגעקעהרט.

נעהמט אָן פון 4 – 6 אָוונד

Dr. med. I. WAJNBERG

Cegielnana 47, tel. 26-02

אינערליכע קראַנקהייטען, ספּעצ. פאַר לונגען און האַרץ-קראַנקהייטען, בעשטראַהלונגען אין קוואַרצלאַמפּע בערג-זון.

נעמט אָן פון 3—4 נאָכמיטאָג און פון 4—6

דער לעמפּעניצע „חעלקאַ“.

יודיש-דעמאָקראַטישער וואַהל-בלאָק

אַלע האַנדווערקער, קליינהענדלער און אַלע פון ראַד-פערקעהר,

ווי אויך די גאַנצע יוד. אינטעליגענץ שטעלט זיך ווי איין מאַן צו אונזערע

מיטינגען

שבת, דעם 24-טען סעפּטעמבער, 8 נאָכמיטאָג זאַמענהאָף 5 פאַר כאַלופּניקעס: שניידער, שוסטער. טישלער א אַנד.

24-טען 8 אָוונט 5 קליינהענדלער.

זונטאָג, 25-טען 5 נאָכמיטאָג 5 ראַד-פערקעהר: לאַסט-וועגען, ריקשאָרעס, פליישהאַקער און דראָשקעס.

25-טען 7 אָוונט 5 קליינהענדלער-מיטינג: פרוכטען, דעליקאַטעסען, קאָלאָניאַל.

סעקציעס: שאַכער, פישער, קיה-בעזיצער, פערד- און מאַרק-שטעהער, גאַרדעראָבע-הענדלער און נאַסען-הענדלער.

מיט רעדעס וועלען ארויסטרעטען: אדוו. וויצמאַן, ד"ר הערש-פינקעל, באַלבאַריסקי, גרינשפּאַן, לאַרץ, לעוין, קירשבוים און אַנדערע.

פּרעזידיום פון יודיש-דעמאָקראַטישען וואַהל-בלאָק.

סיים און רעגירונג

איז פוילען א פּאַרלאַמענטאַריש לאַנד?

פון דעפ. דר. י. ראָזענבלאַט.

די לעצטע געשעהענישן אין סיים באַווייזן, אַז דער פּאַרלאַמענט האָט ביי אונז גענצליך פאַרלוירן זיין אויטאָריטעט און זיין זעלבסטשטענדיגקייט. ס'האַנדעלט זיך נישט איצט צו די היינטיגע רעגירונג האָט אין משך פון לעצטן יאָהר דורך איהר טעטיגקייט נעבראַכט נוצען דעם לאַנד.

אין איצטיגן מאָמענט מוז יעדנפאַלס ווערן א קלאָהרע תשובה צי איז פוילן א דעמאָקראַטישע רעפּובליק, אין וועלכער דעם דאָמינירנדען אָרט פּלוס אין אַלע פראַגען האָט די פאָלקס-פאַרטרעטונג, צי ס'רעגירט אין לאַנד אַן אַנדער ווילען, אַן אַנדער פאַקטאָר, וועלכער רעכנט זיך נישט מיט'ן ווילען פון פּאַרלאַמענט.

די לעצטע געשעהענישן האָבן באַוויזן, אַז די צווייטע קאָנצעפּציע איז א ריכטיגע: מ'האָט פון איהר שוין גאַנץ אָפן גערעדט פון דער סיים-טריבונע. דער פאַרטרעטער פון פּ. פּ. ס., ווען ער האָט גערעדט וועגן דעם פּרעזידענט האָט ער גאַנץ דייטליך אָנגערופען די זאַכן מיט זייער ריכטיגן נאָמען. ס'איז נישט ווילטיג אַז די פּ.פּ.ס. שפּילט א צווייטראַנגיגע ראָל: אָפיציעל גרייט מען העפטיג אָן די רעגירונג און מ'זאָגט זיך אָפּ פון יעדער מתנגד-שאַפט מיט איהם, פאַקטיש אָבער אונטערשטיצט מען זי מיט אַלע כוחות און ביי יעדער געלעגנהייט. יעדנפאַלס, אַזעלכע אויסטרעטונגען העלפן מיט קלאָהר צו מאַכן די פּאָליטישע סיטואַציע, און קלאָרהייט איז שוין זעהר אָפט פאַר זיך אַליין זעהר נוצליך.

יורידישען קענען זיך אונטערהאַלטן וועגן דעם ווער פון די ביידע צדדים — דער פּאַרלאַמענט אָדער די רעגירונג — ס'האַלט זיך ביים בוכשטאַב פון געזעץ, ווען מ'זאָל זיך אַפילו שטעלן אויפ'ן שטאַנדפּונקט פון דער רעגירונג, אַז זי האַלט זיך שטרענג ביי די פּאַראַגראַפן פון דער קאָנסטיטוציע, טאָר מען דאָך נישט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן היינט א פאַרענדערטע קאָנסטיטוציע אין וועלכער די ענדערונגען זענען פאָרגענומען געוואָרן אין א היי־סען מאָמענט. אונטערן דרוק פון'ם ווילן פון א יחיד.

איבעריגנס, האָט דאָך די פאַרענ־דערונגען געמאַכט נישט קיין אַנדערער ווי דער סיים און דער זעלבער סיים האָט דאָס רעכט פאַרצונעמען נייע ענ־דערונגען, אָדער צו שטרייכן די פרי־העריגע, און ווען די רעגירונג דער־לאָזט נישט דערצו הייסט עס פשוט, אַז דער פּאַרלאַמענטאַריזם האָט פאַר־לוירן זיין באַדייטונג, אַז ער געפינט זיך אין א צושטאַנד פון אַהנמאַכט און דעוואַריענטאַציע.

שוין דער אומשטאַנד, אַז לויט'ן גע־זעץ איז דער סיים בארעכטיגט אויס־צודריקן דעם מיניסטעריום זיין אומ־צוטרוי, און ער קען עס פון אין יע־דען אויגענבליק, און טוט עס פאָרט דאָך נישט, איז דער בעסטער סימ־פּטאָם, אַז די מאַכט ליגט היינט נישט אין די הענט פון דער פאָלקס-פאַר־טרעטונג.

ס'האָט נישט קיין צוועק זיך אַריינ־צולאָזן אין באַטראַכטונגען, צי דער איצטיגער צושטאַנד וועט לאַנג אָנ־האַלטן און צו וועלכע קאָנסעקווענצן ער קען פיהרן.

ס'איז היינט פאַרברייטעט און פאַסט דער א מיינונג, אַז נישט אַלע לענדער זענען געאייגנעט פאַרן פאַר'ן פּאַרלאַמענטאַרישן סיסטעם. די דיק־טאַטורן אין אייניגע אייראָפּעאישע מלוכות באַווייזן, אַז ס'איז היינט דאָ א גייסטיגער באָדען פאַר אַזעלכע אַנ־שויאונגען. די גרויסע סכנה אָבער פון דיקטאַטור אין אַלע צייטן, און אַלע עפּאָכן באַשטעהט אין דעם, וואָס זי

קאָנפליקט צווישן אַמעריקאַ און יאַפּאַן

צוליב יאַפּאַנ'ס פּלאַן צו אַנעקטירען מאַנדזשוריען.

לאָנדאָן, 22 (ספּ. טעל.) דאָ זענען דערהאַלטען געוואָרען ידיעות פון פעקין, אַז לויט דער מיינונג פון די דאָרטיגע דיפּלאָמאַטישע קרייזן זאָל צווישען יאַפּאַן און אַמעריקאַ אויסבּרעכען אַן ערנסטער קאָנפליקט, צוליב דעם וואָס די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט באַשלאָסען זיך קאַטעגאָריש אַנטקעגנ־שטעלען דעם יאַפּאַנישען פּלאַן צו אַנעקסירען מאַנדזשוריען.

קיין פעקין איז אָנגעקומען דער פיהרער פון דער מזרח־אַזיאַטישער אַמעריקאַנער עסקאַדרע אַדמיראַל בריסטאָל, וועלכער האָט דערלאַנגט פּראָטעסט קעגען דער פאַרשטענדיגונג פון דער כאַ־לינגען אַנ'ענערגישען פּראָטעסט מאַנדזשורי־שער רעגירונג מיט יאַפּאַן אין די אַמעריקאַנישע פינאַנץ־קרייזן אין פעקין הערשט אַנ'אומרוהיגע שטימונג.

וועגען דער 50-מיליאָן הלוואה פאַר ארץ-ישראל.

נ י ו - י אָ ר ק, (י.ט.א.) אָהער האָט זיך צוריקגעקעהרט פון זיין בעזוך אין ארץ ישראל, דר. פרענקעל, מיטגליד פון דער עקספּערטען-קאָמיסיע, וואָס איז געשאַפען געוואָרען אין הסכם מיט'ן אָפּמאַך צווישען דר. ווייצמאַן און לואי מאַרשאַל. אין א געשפּרעך מיט דעם י.ט.א.-פאַרשטעהער האָט דר. פרענקעל אָפּגעלייקענט די ידיעה, אַז ער זאָל האָבען פאָרגעלעגט צו שאַפען א הלוואה פון 50 מיליאָן דאָלאַר פאַר ארץ-ישראל. דר. פרענקעל האַלט זיך פאָרלויפיג אָפּ פון אַרויסזאָגען א מיינונג וועגען דעם איינדרוק, וואָס דאָס יודישע לעבען אין ארץ-ישראל האָט אויף איהם געמאַכט.

„איך קען נאָך נישט זאָגען ביז וואַנען איך וועל האָבען א זיצונג מיט דער קאָמיסיע פון דער יודישער אַגענ־טור — האָט דר. פרענקעל ערקלערט דעם י.ט.א.-פאַרשטעהער — דאָס איינ־ציגע, וואָס איך קען איבערגעבען איז, אַז איך האָב בעזוכט אַלע וויכטיגסטע יודישע קאָלאָניעס, און האָב געהאַט געשפּרעכען מיט דעלעגאַטען פון פאַר־שידענע גרופּען פון דער יודישער בע־פעלקערונג.

„די אַרבייטסלאָזיגקייט אין ארץ־ישראל איז נאָך אַלץ שאַרף. עס זענען נאָך דאָרט אַלץ פאַראַן וואָהנונגען צו אַכט טויזענד יודישע אַרבייטער, וואָס האָבען נישט קיין מעגליכקייט צו באַ־קומען אַרבייט".

אויף דער פראַגע: ווי אַזוי באַציהט זיך די פּאַלעסטינער רעגירונג צו די יודישע אינטערעסען אין לאַנד, האָט דר. פרענקעל ערקלערט, אַז אַלס אָפּי־ציעלער פאַרשטעהער פון דער עקס־פּערטען קאָמיסיע פון דער יודישער אַגענטור, איז איהם נישט בעקוועם אַרויס־צוזאָגען זיין מיינונג וועגען דער פּאַ־לעסטינער רעגירונג.

אַנטיסעמיטישע פאָדערונג ביי דער רעפאָרם פון היראַט-געזעצגעבונג.

ווין, (י.ט.א.) אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דיסקוסיע, וואָס ווערט גע־פיהרט אין עסטרייך אַרום דער גע־פּלאַנטער רעפאָרם פון די היראַט-גע־זעצן רופען אַרויס די עקסטרעמע אַנ־טיסעמיטען א פאָדערונג, אַז די חתונות צווישען אַריער און יודען אָדער מעני־שען, וואָס געהערען צו די פאַרביגע ראַ־סען, זאָלען ערקלערט ווערען פאַר גע־זעצליך נישט גילטיג.

טראַגישער סוף פון אַן אַנאָנימער בעשולדיגונג.

האַלע, 22. (ספּ. טעל.) דריי איינ־וואוינער פון א שטעטעל נעבען האַלע זענען בעשולדיגט געוואָרען, אַז זיי האָבען פאַרגוואַלטיגט א 12 יאָהריג מיידעל. איינער פון די בעשולדיגטע האָט זיך אויפגעהאַנגען, דער צווייטער איז משוגע געוואָרען. גלייכצייטיג איז אָבער געקומען דאָס ווידער איבעריגע דו־קטער. אויס'ן געריכט איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז די בעשולדיגונג איז געווען אַן אַנאָנימער כתב.

די דרום-אַפריקאַנישע ליבעראַלע פּאַרטיי נעמט אָן אַן אַנטיסעמיטישען פּראָגראַם.

יאָהאַניסבורג. (י.ט.א.) די גרינדונג פון א נייע-ליבעראַלער פּאַרטיי אין דרום-אַפריקאַ, וואָס איז נישט לאַנג פאָרגעקומען, האָט אַרויסגערופען א בעאונרוהיגונג אין די יודישע קרייזן, וועלכע באַטראַכטען די נייע-געגרינדעטע פּאַרטיי אַלס אַן אויסגעשפּראָכענע אַנ־טיסעמיטישע גרופּירונג, וואָס וויל ענטוויקלען איהר טעטיגקייט אין דרום-אַפריקאַ.

די תשובה פון פאָרד'ס פערלעגער

וועגען צוריקציהען פון פערקויף דאָס בוך „אינטערנאַציאָנאַלער יוד".

דעטראָיט. (יט"אַ). אויף אַן אָנפראַגע, צי עס איז אמת די מעלדונג פון בערלין, אַז פאָרד האָט נישט צו־ריקגעצויגען פון פערקויף זיין בעריכטע מיסיש בוך „דער אינטערנאַציאָנאַלער יוד", ווי ער האָט פאַרשפּראָכען דאָס צו טון, האָט דער רעדאַקטאָר פון פאָרד'ס אויסגאַבע, וויליאַם קאַמעראָן געגעבען פאָלגענדע ענטפער:

„איך האָב גאָרנישט וואָס צו זאָגען, כאָטש די בערלינער מעלדונג איז זעהר אינטערעסאַנט".

„פּיאַסט" דראָהט מיט א קריזיס.

שאַרפע רעזאָלוציע פון פּיאַסט-קלוב.

נאָכ'ן אָבלעגען אויף די סענאט סע־סיע, איז אין דער סיים געבליבען געוואָ־רען היבש פּוסטליך. דאָס רוב דעפּו־טאַטען און סענאַטאָרען פון דער פּראָווינץ זענען זיך שוין צוזאַמענגעפאָהרען. געבליבען זענען בלויז א צאַהלרייכע דעפּוטאַטען פון „פּיאַסט" מיט וויטאָס'ן אָן דער שפּיץ, און א צאַהל פון פּ. פּ. ס.'אָווצעס, מיט ניעדזיאַלקאָווסקי'ן און דאַ־שינסקי'ן בראָש. די ביידע פּאַרטייען האָבען צוזאַמענגערופען בעראַטונגען איבער דער געשאַפענער סיטואַציע: די פּיאַסטאָווצעס — א פולע בעראַטונג פון זייער גאַנצען קלוב און פּ. פּ. ס. — דעם צענטראַל-קאָמיטעט.

די פּיאַסט-בעראַטונג איז געווען זעהר א שטורמישע, וויטאָס האָט געהאַלטען א שאַרפע רעדע געגען דער רעגירונג און נאָך איהם האָבען דאָס זעלבע גע־טון די איבריגע רעדנער.

נאָך די אַלע רעדעס איז אָנגענומען געוואָרען פאָלגענדע שאַרפע רעזאָלוצ־יע.

דער קלוב פון „פּיאַסט" בעשטעטיגט דאָס אָבלעגען די בעראַטונגען פון סיים גלייך נאָכ'ן צוזאַמענרופען איהם און די בעראַטונגען פון סענאַט נאָך איינער ווי האָבען זיך אָנגעהויבען — אַלס גע־גען דעם גייסט פון דער קאָנסטיטוציע, וויל דורכדעם איז ביי די געזעצגע־בערישע קאַמערן אָוועקגענומען געוואָרען די מעגליכקייט צו ער־פילען די פליכטען וואָס די קאָנסטי־טוציע האָט אויף זיי אַרויפגעלעגט.

דער פאַקט, וואָס די רעגירונג וויל פון איין זייט נישט מיטאַרבייטען מיט'ן סיים און סענאַט, און פון דער צוויי־טער זייט מאַכט זי זיי אומעגליך אַליין צו אַרבייטען, ווי אויך דער פאַקט וואָס פון איין זייט וויל נישט די רעגירונג

זיך צוזאַמען מיט דעם רעכט וואָס זי האָט פונאַנדערצולאָזען דעם סיים און סענאַט און פון דער צווייטער — זייט דערלאָזט זי נישט, אַז די ביידע קער פּערשאַפטען זאָלען אַליין קענען זיך פונאַנדערלאָזען פעראַיפען גאָכמעהר דעם שטענדיגען קאָנפליקט פאַר דער מלוכה צווישען די געזעצגעבערישער מאַכט און דער אויספיהרונגס-מאַכט און דאָס מוז דערפיהרען צו א שווערען מלוכה-קריזיס.

דער פּיאַסט-קלוב האַלט פאַר זיין פליכט צו מאַכען אויפמערקזאַם דעם ווייטערען

די גאַנצע געזעלשאַפט, בעזאָנדערס דער שטאַט, אַז די פולע פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר די מצב פאַלט אויסשליס־ליך אויף דער רעגירונג.

די פּ. פּ. ס. האָבען, ווי מען זאָגט, זיך פאַרקאָנסטאַטירט און נישט באַשלאָסען מיטטיילען דער פּרעסע וואָסערע בעשלוסען זיי האָבען אָנגענומען.

די איבעריגע קלובען האָבען גאָרנישט געלאָזען הערען פון זיך.

מיט שפּאַנונג ווערט ערוואַרט דער פּראָטעסט-בריף פון מאַרשאַלק דאַשינסקי'ן צום פּרעזידענט.

דער בריף איז שוין אָוועקגעשיקט געוואָרען צום מלוכה פּרעזידענט.

שטיצט זיך אויף א יחיד, יעדער יחיד — מעג ער זיין דער בעסטער זשעני איז דאָך נאָר א בשר ודם. נעהט דער מענש אָוועק, שטאַרבט ער, דאַן ענט־שטעהט א כאָאָס, דאַן ווערט דאָס לאַנד אַריינגעוואָרפען אין היפטיגע אינער־ליכע קאַמפען, אַזאַ צושטאַנד איז גע־פעהרליך פאַר אַלע מלוכה'שע אָרגאַ־ניזמען, ער איז דאָפּעלט געפעהרליך פאַר ניי ענטשטאַנענע.

ווען מאָנכע גלויבען, אַז די אויפלע־זונג פון'ם איצטיגען סיים און דאָס אויסשרייבן א נייעם קען ענדערן די היינטיגע לאַגע, איז עס א גרויסער טעות: וואַרשיינליך וועט דער צוזאַ־מענשטעל פון נייעם סיים זיין אומגע־פעהר דערזעלבער. נור קען היינטיגען, קליינע ענדערונגען אויף רעכטס אָדער אויף לינקס וועלען נישט שפּילען קיין שום ראָל, וועלכער ברייטע איז דאָ אַנ־צונעמען, אַז די באַציהונגען צווישען די היינטיגע מאַכט-פאַקטאָרען וועלען ווערען אַנדערש.

די פּשוט'ע לאָגיק זאָגט, אַז דער וואָס רעכנט זיך נישט מיט'ן איצטי־גען סיים, וועט זיך אויך נישט רעכע־נען מיט זיין יורש. וואָס פאַר א צוועק האָט דאַן צו מאַכען וואַהלען צו א פּאַרלאַמענט, ווען זיין אויטאָריטעט

און זיין פּרעסטיזש איז גענצליך פאַר־ניכטעט?

די פעוואָלקענטע און פאַרדונקעלטע סיטואַציע קען נאָר אויפגעלעזט ווערען דורך צוויי וועגען: אָדער דער פּאַר־לאַמענט ענטשליסט זיך צו אַן ענערגי־שען שריט און ערקלערט זיין ווילען צו פאַרנעמען די פּאָזיציע וואָס ע־האָט איהם, אָדער ער לייגט איבער געזעצליך די גאַנצע מאַכט דער רעגי־רונג און מאַכט זי פאַראַנטוואָרטליך פאַר אַלע קאָנסעקווענצען פון איהר האַנדלונג.

א דיקטאַטור מיט א פּאַרלאַמענט איז אַן אַבסורד, פּונקט ווי ס'איז אַן אַבסורד א דעמאָקראַטיש סיסטעם מיט א דיקטאַטור, דאָס זענען צוויי צוזאַ־מען, וואָס שליסען זיך געגענזייטיג אויס.

א פאָלקס פאַרטרעטונג שטיצט זיך אויף איהר מאָראַלישען פּרעסטיזש, א דיקטאַטור האָט איהר בייגדלאַגע אין דער פיזישער קראַפט, דאָס איינציגע און וויכטיגסטע צו וועלכען מ'קען און מ'מוז היינט שטרעבען איז ענטספּציר שטעלען, וועלכער פאַקטאָר קען און וועט דאָמינירען אין פוילען.

די פיזישע קראַפט, אָדער — די אויטאָריטעט פון'ם פאָלקס-ווילען.

זאַל פילהאַרמאָניע, נאַרוטאָוויטשאַ 20

גאַסטראָלען פון די בעליבטע אַרטיסטען
אננא און היימאַן יאַקובאָוויטש

פרייטאַג, דעם 23 טען, 9 אין אָווענד — די אין לאָדז בעליבטע פּיעסע
„די גרינע כלה"
לעבענסבילד אין 4 אַקטען מיט געזאַנג און טענץ פון סיגאַל, רעזשי: היימאַן יאַקובאָוויטש.
הויפּט-ראָלען: גאָלדעלע—אַננאַ יאַקובאָוויטש; זעליג—היימאַן יאַקובאָוויטש.
ווער עס קויפט א זיץ-פּלאַץ, בעקומט צום אָנדענקען א פאָטאָגראַפיע פון אננא און היימאַן יאַקובאָוויטש מיט'ן קופּלעט „איך וויל זיך שפּילען".

שבת, 3.30 נאָכמיטאָג צו ביליגע פּרייזען
וואָס מיידלעך דאַרפען וויסען
לעבענס-בילד אין 3 אַקטען מיט געזאַנג און טענץ פון סיגאַל, רעזשיסירט דורך היימאַן יאַקובאָוויטש. הויפּט-ראָלען: ראָזאַ—אננא יאַקובאָוויטש; ישראל הערץ—היימאַן יאַקובאָוויטש.

שבת, דעם 24. סעפּט., 9 אָווענד — גרויסע איבעראַשונג פאַר'ן טעאַטער-פּובליקום. — די שעהנע אָפּערעטע
„די אַמעריקאַנערין" אננא יאַקובאָוויטש צום 1. מאָל אין לאָדז.
אין 4 אַקטען מיט געזאַנג און טענץ פון שאָר, רעזשיסירט דורך היימאַן יאַקובאָוויטש.
הויפּט-ראָלען: פעני—אננא יאַקובאָוויטש; פאַרטנער—היימאַן יאַקובאָוויטש.

ס'נעמען אָנטייל די ניי-אָנגאַזשירטע אַרטיסטען פון ווילנע אסתר זעווי־קינאַ און ישראל בירנבוים ווי אויך פרויען: בעזמאַן, מאַכאַראָווסקאַ, פריידמאַן, מענער: קריצל, אייזענבערג, באַלבירסקי, האָמבורגער, מאַלאַ־ראָווסקי, ביהויז, פּאָליאַנסקי, צווילליך. מוזיקאַלישע לייטונג: ל. זעלמאַן. אַדמיניסטראַטאָר: א. בעזמאַן. בוהנע-לייטער: מאַכאַראָוויץ.
בילעטען אויף אַלע פאָרשטעלונגען צו בעקומען אין פילהאַרמאָניע-קאַסע.

אַנאָנס! אין פאָרבערייטונג:
פּאַלעסטינער ליבע, מאַלי-ראָלי

שויץ צייט

זיך צונויפצורעדן

מיר זענען שוין אַריינגעפאָרען אין'ם דריטען סטאַדיום פון דער וואַהל-קאַמפּאַניע. ס'זענען שוין געענדיגט די פאָרבערייטונגען, ס'זענען שוין פאָריבער די רעקלאַמאַציע-טעג און פון היינטיגען מאָנטאָג הויבט מען שוין אָן אַריינצוטראָגען די קאַנדידאַטען-ליסטעס און דאַן קומען שוין די וואַהלען גופא.

און ביי אונז איז נאָך אַלץ איינגעוויקעלט אין אומבאַוואוסטקייט. קיינער ווייסט נישט, וואו מיר האַלטען אין דער וועלט. די אַרבייטער בילדען אַ באַזונדער וועלט מיט באַזונדערע באַגריפען און טאַקטיק, וואָס איז נישט ביי, זיי האָבען זייער ליניע און זייערע ווענט, און באַלד ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבען די וואַהל קאַמפּאַניע זענען זיי שוין געווען אַקטיוו.

די בירגערליכע זענען — כ'וואָלט געזאָגט — צוריסען, נאָר ס'איז אַפילו נישט דאָס; ס'איז פשוט גלייכגילטיג און כמעט ווי אומבאַהאָלפען און ס'מאַכט דעם איינדרוק, אַז ווען די יודישע אַרבייטער וואָלטען נישט געפיהרט זייער טעטיגקייט, וואָלטען די בירגערליכע זיך אַפילו נישט גערירט פון זייער לעטאַרגיע.

מיר האָבען שוין אָנגעוויזען, אַז ס'איז נישט געווען קיינער, ווער ס'זאָל זאָרגען וועגען אַ יודישער פאַרטרעטונג אין דער הויפט וואַהל-קאָמיסיע, ס'איז נישט געווען קיינער, ווער ס'זאָל זיך באַמיהען וועגען ענדערען דעם נישט-גינסטיגען פאַר יודען טערמין פון די וואַהלען.

דער אינטערעס ביים רוב יודישע וועהלער איז דערווייל אַ גאַנץ קליינער און שולדיג זענען אין דעם די פּאָליטישע פיהרער, וואָס האָבען צו שפּעט אָנגעהויבען זייער טעטיגקייט. אָט לאַנג קען זיך נוקם זיין.

די דאָזיגע אונקלאָהרע סיטואַציע הויבען שוין אָן אויסנוצען מענשען, וואָס זוכען צו כאַפּען פיש אין מוטנע וואַסער און ס'קומען אויף נייע „זשול-טיקעס" און אַ כאַצעפּיטש לאַדזער אויס-לאַגע. ס'בילדען זיך קאָמיטעטען פון... — לאָמיר זיי דערווייל נישט אָרויפען ביים נאָמען — וואָס זאָגען צו ישועות דעם פאָלק ישראל, און די דאָזיגע צוזאָגען זייערע זענען ווערט ווייניגער ווי דאָס שפּיקעל פּאַפּיר, אויף וועלכען די צוזאָגען זענען געדרוקט.

ביז איצט פיהלען זיך אוים די ברייטערע — ציוניסטען, אונפּאַרטייאישע, אגודה און די ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פאָדערען אַז מ'זאָל זיך צוזאַמענרעדען וועגען אַן אַלגעמיינעם בלאָק. צו דער צוזאַמענשטעלונג פון'ם דאָזיגען איינהייטליכען בלאָק זענען אָבער דאָ פיל מניעות: די פּועלי אמוני ישראל ווילען אין דעם אַלגעמיינעם בלאָק נישט געהן; האָבען די איבעריגע מורא, אַז ס'זאָל זיך נישט ווידערהאָלען די וואַרשעווער מעשה: זיי ווילען אַרויסשטעלען אַ ליסטע און אַנדערע וועלען פאַר זיי שטימען. התאחדות וויל נישט געהן אין איין בלאָק מיט דער אגודה; די ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס זענען צו שוואַך אויף אַליין אַדורכצופיהרען עטליכע ראַטמענער, זיי קענען אָבער באַקומען אַ פּאָר מאַנדאַטען בנוגע אַן אַלגעמיינעם בלאָק, אַנטשפּרעכענדיג פון צושטעלען די שטימען די פּאָלקיסטען מיט זייערע פאַראיינען באַטהען צו די וואַהלען זעלבסטשטענדיג.

אין אַזאַ אונקלאָהרער סיטואַציע באַפינען מיר זיך דערווייל, הגם די צייט איז קורץ.

פיהרער פון די יודישע פּאַרטייען און גרופּען דאַרפען זיך ענדליך צונויפרעדען. די אומקלאָרקייט איז גענוג, ווי דער ערגסטער בעשלוס מ'דאַרף פאַראינטערעסירען דעם יודישען וועהלער מיט די וואַהלען, צו וועלכע ס'איז שוין פאַרבליבען בלויז 2 וואָכען. אויב דאָס צוזאַמענרעדען זיך וועט קומען צו שפּעט, קען עס שוין איבערהויפּט זיין איבעריג. און די יודישע פאַרטרעטונג אין שטאָדטראַט וועט אויסזעהן נאָך קלענערער ווי זי איז געווען ביז איצט. און וואָס דאָס באַדייט פאַר'ן יודישען בירגער איז דאַכט זיך שוין איבעריג אויסצוקלערען.

י. הינדעס.

דער גרויסער שלום-יאריד

פון ל. בראַנט

משמעות אַז קיין שלום איז אויף דער וועלט נישטאָ. אויב מ'דאַרף וועגען איהם אַזוי פיל רעדען. בריאַן האָט אין גענף דירעקט רעקאָמענדירט די פעלקער צו רעדען אונאויפהערליך וועגען שלום, פונקט ווי יענער ליטוואַק, וואָס האָט געזאָגט: „קיין בראַנפען איז נישטאָ, לאָמיר כאָטש רעדען וועגען בראַנפען".

עס איז גערעדט געוואָרען וועגען דעם ראַזיגען בלויען פויגעל, וואָס רופט זיך שלום, זעהר פיל. ישדער האָט גערעדט אויף זיין אַרט און שטייגער: שטרעזעמאַן — רוהיג, זאַכליך, געלאַסען, געוואויגען, אָהן באַזונדערע פּאַטאָס. ער האָט אַרויסגעדריקט פון זיך מעהר, ווי מ'קאָן דאָס פאַרלאַנגען אין אַ דייטשען אויסערן-מיניסטער, וועלכער איז נישט נאָר אַ פאַרטרעטער פון אַ רעפּובליקאַנישער מלוכה, נאָר פון אַ לאַנד, וואו עס זענען דאָ שטאַהלהעלמער און אָרגעשע און קאָנסולס און פאַרשידענע אַנדערע מאָנאַרכיסטישע און יונקעריש מיליטאַריסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע קלאַפּען אַריין אין מוח דעם געדאַנק, אַז וועגען די „צייטווייליג אָקופּירטע געביטען" פון דייטשלאַנד דאַרף מען קיין סך נישט רעדען, אָבער אויף קיין איין מינוט טאָר מען וועגען זיי נישט אויסהערען צו טראַכטען. אַזוי האָט אויך אַמאָל געזאָגט דער בארימטער פראַנצויזישער מלוכה מאַן און רעדנער גאַמבעטאַ — נאָך דער מפּלה פון די פראַנצויזען אין יאָהר 1870-71 — וועגען די פאַרלוירען-געגאַנגענע פּראָווינצען עלזאַס-לאָטרינגען.

עס האָט גערעדט בריאַן, דער אָראַטאָר פון גאָטס גענאַד, מיט פּאַטאָס, מיט פייער, מיט התלהבות. אָבער — זיין רעדע האָט נישט אַרויסגערופען דעם געוועהנליכען אויסברוך פון ענטוזיאַזם, האָט נישט צושפּרייט די שווערע שטימונגען, וואָס האָבען געהערשט אין גענף.

עס האָבען גערעדט די פאָרשטעהער פון די קליינע מלוכות און — דאָס איז אַפשר דאָס וויכטיגסטע פון דער סעסיע — עס האָבען זיך דערהערט נייע טענער: קריטיק פון דער פעלקער ליגע. אָט די קליינע האָבען אָנגעוויזען אויף דער אומעכטיגקייט פון דער ליגע, אויפ'ן אַנטאַגאָניזם צווישען די גרויסע מלוכות און די קלענערע און מיטעלע, אויפ'ן קריזיס, וועלכען דער פעלקער-בונד לעבט אַדורך.

עס האָט גערעדט טשעמבערלען רוהיג און אין דער רוהיגקייט האָט זיך באַהאַלטען די קראַפט און מאַכט פון דער גרויסער בריטישער אימפּעריע. ווער עס באַזיצט אַזאַ מאַכט, קאָן זיך ערלויבען צו זיין אָפענהערציג, און טשעמבערלען האָט געזאָגט אָפען: אַמיקוס פּלאַטאָ, סעד אַמיציסימאַ וועריטאַס, טייער איז דער פעלקער-בונד, וואָס האָט זיין זיץ-אָרט אין גענף, אָבער נאָך טייערער איז פאַר ענגלאַנד יענער בונד פון פעלקער, וואָס זענען צושפּרייט איבער אַלע קאָנטינענטען, וואָס די פעדעם פון זיי קומען זיך צונויף אין לאָנדאָן און וואָס הייסט די אימפּעריע פון גרויסבריטאַניען.

דאָ ליגט דער שליסעל צום פּראָבלעם.

עס זענען פאָרהאַן ציניקער, וועלכע האַלטען, אַז דער פעלקער-בונד, אָט דאָס גרויסע שפּילצייג, דער מאָדערנער בבל-טורם איז רייף געוואָרען צו ווערען אַ טעמע פאַר אַן אָפּערעטע. אַזוי ווייט איז עס נאָך נישט דערגאַנגען, אָבער מאַטעריאַל פאַר אַ גרויסזיניגער סאַטירע האָט שוין דאָס גענפער „אַסאַמבלעע" געגעבען.

אין די בלעטער איז לעצטענס אַרומגערעדט געוואָרען דאָס בוך פון זשאַן דע גראַנוויל א.ג. „לאַ בעל אַנדאָרמי" — די שלאָפענדע איינשלעפערין. דאָס בוך איז אַ סאַטירע אויף דעם תהו ובהו, וואָס קומט פאָר אין גענף. לויט גראַנוויל איז דער פעלקער-בונד אַ גראַנדיעזער ספּעקטאַקל, וואָס איז אָרגאַניזירט דורך ענגלאַנד אויפ'ן חשבון פון עטליכע צענדליגע מלוכות; דאָס איז אַ גרויסע פּאָליטישע קיך, אַ דיפּלאָמאַטישער יאַריד, אַ מענשליכע קאָמעדיע, אין וועלכער עס טרעטען אויף פאַרשידענע דיפּלאָמאַטישע קאַרוזאָ'ס און באַטיסטיני'ס. דער אמת'ער רעזשיסער, דירעקטאָר און מחבר פון דעם קאָלאָסאַלען מאַריאָנעטען-טעאַטער איז דאָס אַלמעכטיגע ענגלאַנד.

גראַנוויל'ס בוך איז אַ פּאַמפלעט, אָבער אָנגעשריבען פון אַ פּערזאָן, וואָס איז אויסגעצייכענט באַקאַנט מיט דער גאַנצער הינטער-קוליסען מאַכעריי פון פעלקער-בונד און פון זיין בוך קאָן מען, אמת, אין אַ קרומען שפּיגעל, זיך באַקענען מיט די מנהגים, כלומר דעם, צוגרייטונגען, טעכניק, אינטריגעס, מינעס און קאָנטער-מינעס, וואָס ווערען אָהן אויפהער אויסגעאַרבייט און געפיהרט אין אָרום דעם קאַפּיטאַליסטישען קעסעל, וואָס ווערט אָנגערופען פעלקער-בונד. דער פעלקער-בונד איז אַ גראַנדיעזע טריבונע, אויף וועלכער פאַרשידענע מעהר אָדער ווייניגער באַגאַבטע דיפּלאָמאַטען קענען פיהרען אַ קאָנקורס פון פּאַציפיסטישער שעהן-רעדנערי.

מיר קענען אַפילו אָפּוואַרפען דאָס פּאַמפלעט טעטיגע פון גראַנווילס שילדערונג, מיר קענען אָננעהמען, אַז די הינטער-קוליסען-אַרבייט, די אינטריגעס און אויסערראַבונגען זענען נישט מעהר ווי אַ שיינער, וואָס ווערט באַצאָהלט דער מענשליכער שוואַכקייט און אַמביציעס, — דאָס וועט אָבער נישט ענדערען דעם עצם פון דער זאַך, אַז דער פעלקער-בונד איז לעת עתה נישט מעהר ווי אַ איהנטער פאַר שעהנע פרידענס-דעקלאַמאַציעס.

פּוילען האָט אַריינגעטראָגען אַ פּראָיעקט פון אַן אַלגעמיינעם נישט-אָנגריף-פּאַקט, וואָס זאָל זיין פאַרפּליכטענד פאַר אַלע מיטגלידער פון פעלקער-בונד. דער פּראָיעקט איז אַרומגעאַרבייט, אַרומגעשליפען, אַרומגעשלייפט און אַרומגעצירט געוואָרען. ער איז אַדורך דורכ'ן פילטער פון די יוריסטישע פאָרמולירונגען, און פון פּראָיעקט איז געוואָרען אַ פּוסט-קלינגענדיג דעקלאַמאַטאָריש שטיק.

און אַנדערש קאָן עס נישט זיין. די פאַקטען זענען דאָך אַזעלכע: דער שלום, וואָס איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון ווערסאַלער טראַקטאַט, האָט איבערגעלאָזט אַ גאַנצע רייה שלעכט פאַרלאַטעטע לעכער, וואָס זענען גרייט ביי יעדער שפּאַנונג זיך אויפצורייסען. עס הערשט ביי אַ רייה מלוכות אַן אומצופרידענהייט מיט די גרענעצען, וועלכע ס'האָט פאַר זיי דורכגעפיהרט דער טראַקטאַט און די צוגאַב-אָפּמאַכען, וואָס האָבען געמוזט פאַרפולקאָמען די ווערסאַלער אַרבייט. פון אַלע זייטען פיהלען זיך שטראָמונגען אויפצורייסען דעם איינגעשטעלטען סטאַטוס קוואָ. די אויפגאַבע פון פעלקער-בונד דאַרף זיין דעם סטאַטוס איינצוהאַלטען, גאַראַנטירען פאַר יעדער מלוכה די זיכערקייט פון איהרע גרענעצען. אָבער דער פעלקער-בונד אַליין באַזיצט נישט קיין שום עקזעקוטיווע מאַכט. זיין קראַפט קאָן ער שעפען פון די מלוכות, וואָס געהערען אין איהם אַריין, און דאָ קומען מיר צו דעם ווידערשפּרוך צווישען די צוויי פעלקער-בונדען וועגען וועלכע עס האָט גערעדט טשעמבערלען: דער פעלקער-בונד פון גענף און דער פעלקער-בונד, וואָס הייסט גרויס-בריטאַניען.

ענגלאַנד גופא איז אַ בונד פון מלוכות, וואָס האָבען דערגרייכט דעם מאַקסימום זעלבסטשטענדיגקייט און די אַלע מלוכות, וואָס געהען אַריין אין לאָנדאָנער בונד און וואָס זענען צעוואָרפען איבער אַלע טיילען פון דער וועלט, האָבען נישט — און זיי זאָגען דאָס אָפען און בפירוש — קיין שום אינטערעס אין די ענינים פון אייראָפּע. אויסטראַליען זאָגט, אַז פאַר איהר לוינט נישט אָפּצושטעקען דאָס בלוט אַפילו פון איין איהרען אַ סאָלדאַט, כדי צו זיכערען די גאַנצקייט פון, לאָמיר זאָגען, רומעניאָס גרענעצען, דאָס זעלבע קאַנאַדע, דאָס זעלבע די ענגלישע קאָלאָניעס פון דרום-אַפריקע. נישט ענגלאַנד שטעהט צום דינסט פון פעלקער-בונד, נאָר דער פעלקער בונד איז אַ מיטעל, אויף וועלכער ענגלאַנד שפּילט אויס פאַרשידענע קאָמבינאַציעס, וואָס ליגען אויף דער ליניע פון איהרע אינטערעסען.

אָהן ענגלאַנד (און אָהן רוסלאַנד) קאָן דער שלום אין אייראָפּא נישט זיין געזיכערט. שלום מוזען מיר פאַרשטעהן אין רעאַלפּאָליטישען זין פון וואָרט, אין זין פון איינהאַלטען ביים גלייכגעוויכט דעם מצב, וואָס עקזיסטירט איצט אין אייראָפּע. ווייל יעדער מלוכה לעגט אַריין אין דעם דאָזיגען וואָרט איהר אייגענעם אינהאַלט. פאַר דייטשלאַנד וואָלט הייסען שלום, ווען זי וואָלט באַקומען די פּראָווינצען, וואָס זי האָט פאַרלוירען אין רעזולטאַט פון קריג, אָבער דאָס זעלבע באַדייט קריג פאַר די אַנדערע פאַראינטערעסירטע מלוכות.

אַזוי פּלאָנטערט זיך דער פעלקער-בונד אין אַ נעץ פון ווידערשפּרוכען, פון וועלכע ער האָט נישט קיין אויסוועג, בלייבט נאָר איינס: צו זיין די „בעל אַנדאָרמי", די שלאָפענדע איינשלעפערין, וואָס זינגט פאַר זיך און פאַר דער וועלט שיינע לידער פון פרידען, וועלכע קאָנען אָבער קיינעם נישט איינשלעפערן און באַרוהיגען. עס ווערען אָנגענומען פייערליכע שלום-דעקלאַראַציעס, די דיפּלאָמאַטען פאָהרען אַ היים רוהיג אויף די לאָרבערן, וואָס זיי האָבען ערוואָרבען אין גענף; אָבער דאָס אָפּרוהען קומט פאָר נישט ביים שיין פון דער עכטער שלום זון, נאָר אין שאָטען פון אומה'דיגע באַגנעטען און האַרמאַטען-וועלדער.

ארץ-ישראל און קרים

געשפּרעך פון „נייעם פאָלקסבלאַט" מיט ד"ר אַרטור רופּין

מישוואָך האָט אין לאָדז באַזוכט דער באַקאַנטער ציוניסטישער טוער, געוועזענער מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע ד"ר אַרטור רופּין. ד"ר רופּין, איז איינער פון די בעדייטענדסטע קענער פון קאָלאָניזאַציע-וועזען, מחבר פון אַ גאַנצע רייה ספּעציעלע אַרבייטען, פאָהרט איצט קיין רוסלאַנד, וואו ער וויל זיך באַקענען מיט דער יודישער קאָלאָניזאַציע אין קרים און אוקראַינע. אונזער מיטאַרבייטער האָט זיך געזעהן מיט'ן חשוב'ען גאַסט און געהאַט מיט איהם אַ געשפּרעך. זיין אינהאַלט ברענגען מיר דאָ פאַר די לעזער.

— ווי ערקלערט איהר ה' ד"ר די נייע פאַראָרדנונג פון דער א"י רעגירונג, וועלכע שליסט ממש די טויערן פון א"י פאַר נייע עמיגראַנטען?

— בנוגע אויף דעם קאָן איך אייך לייגער נישט ענטפערען: כ'בין אַוועקגעפאָהרען פון א"י שוין זייט 2 חדשים. כ'האַלט אָבער, אַז מאָמענטאַל האָט נישט די דאָזיגע פאַראָרדנונג קיין פּראַקטישע באַדייטונג.

די עמיגראַציע קיין א"י איז צוליב דער אַרבייטסלאָזיגקייט סיי ווי סיי געוואָרען אַ מינימאַלע, די א"י-רעגירונג, וואָס איז באַזאָרגט מיט דער אַרבייטסלאָזיגקייט, זוכט מיטלען זי צו באַקעמפען און נישט לאָזען זי צו פאַרגרעסערן זיך. די ציוניסטישע לייטונג וועט נאַטירליך זיך באַמיהען די דאָזיגע פאַראָרדנונג אָפּשאַפען: מ'דאַרף נישט שאַפען אין'ם איצטיגען מאָמענט קיין גרויסע עמיגראַציע נאָך א"י, מ'טאָר אָבער בשום אופן נישט שליסען די טויערען. זאָל ווייצמאַנען געלונגען צו שאַפען די 200,000 פונט שטערלינג — און ער גלויבט, אַז ס'וועט איהם געלינגען — און מיר וועלען שטעהן פאַר'ן אָנהויב פון סוף פון דער אַרבייטסלאָזיגקייט אין א"י.

— וואָס איז דער ציל פון אייער רייזע קיין רוסלאַנד?

— כ'וויל זיך באַקענען מיט דעם, וואָס דאָרט ווערט געטאָן. כ'בין שוין זייט 15 יאָהר נישט געווען אין מזרח אייראָפּא (רוסלאַנד, רומעניען א. אַנד.) אַפשר וועט מיר מיין איצטיגע רייזע געבען ווייטערען שטאָף צו מיין אַרבייט „די יודען דער געגענוואַרט" וואָס כ'האָב אָנגעשריבען מיט 25 יאָהר צוריק און פאַרבעסערט מיט 16 יאָהר צוריק. זייט דאַן האָט זיך פיל געענדערט. מ'דאַרף עס זעהן. פריי צו פיהרען די קאָלאָניזאַציע אין א"י מוז מען פיל לערנען, זעהן און באַאָבאַכטען. פאַר 2 יאָהרען בין איך געווען אין גריכענלאַנד און שטודירט די דאָרטיגע קאָלאָניזאַציע. מיר קענען זי נישט נאָכמאַכען. די דאָזיגע קאָלאָניזאַציע איז אויסגערעכענט אויף דעם פּרימיטיווען לעבענס-שטייגער פון אַנ'אַזיאַט. מיר ווילען אין ארץ ישראל האָבען אייראָפּעער.

וועגען דער גריכישער קאָלאָניזאַציע, שליסליך, האָב איך אָנגעגעבען אַ גענויען באַריכט אויפ'ן ציוניסטישען קאָנגרעס.

— און ווי האַלט איהר וועגען דער קרים-קאָלאָניזאַציע?

— ווי כ'האָב אייך געזאָגט, פאָהר איך ערשט אַהין. כ'האָב זי נאָך נישט געזעהען. כ'רעכען, אַז דאָרט איז דאָ וואָס צו זעהען.

פאַר'ן ציוניזם איז די קרים-קאָלאָניזאַציע נישט קיין קאָנקורענץ: פאַר אונז איז קאָלאָניזאַציע נישט קיין זעלבסט-צוועק, נאָר אַ מיטעל צו לעזען די אַלוועלטליכע יודען פראַגע אין איהר ברייטען פאַרנעהם. די קרימער קאָלאָניזאַציע איז פון'ם שטאַנדפּונקט פון דער רוסישער רעגירונג אַ נויטווענדיגקייט. די גרויסע מאַסען יודען, וואָס האָבען פאַרלוירען זייערע באַשעפטיגונגען ווערען פּראָדוקטיוויזירט און אויפגעהערט צו זיין אַ לאַסט פאַר דער מלוכה. ווערען זיי נוצליכע בירגער דורכדעם, וואָס זיי שאַפען זיך נייע עקזיסטענץ מעגליכקייטען.

— ווי האַלט עס מיט דער גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער הלואה פאַר א"י.

— זייט ס'איז באַשלאָסען געוואָרען דער קאָנגרעס האָט נאָך קיין [illegible] נישט באַקומען. שליסליך איז שוין מיין אַרבייט אויף דעם געביט פאַרענדיגט. איך האָב נאָר געדאַרפט צושטעלען די מאַטעריאַלען צי קען א"י מיט איהר אייגענטום און איינקונפט שטעלען אַ גרונדלאַגע פאַר אַן ערנסטער הלואה. די דאָזיגע פאַר-אַרבייט האָב איך אויסגעפיהרט. איצט באַשעפטיגט זיך מיט דער הלואה אַ ספּעציעלע קאָמיסיע.

אין אויטא איבער פראנקרייך:

קאָרעספּאָנדענץ פון פאריז

די לעצטע צייט מאַך איך אָפט גאַנץ ווייטע אויטאָ־אויספלוגן קיין נאָרמאַנדיע אין די פּראָווינצן, שטילע ווינקעלעך פון דער סענע.

פאָרנדיקענדיק איבער פראַנקרייך אין אַן אויטאָ, איז אַ פאַרגעניגן, וואָס האָט נישט זיין גלייכן.

פאַר מיין גאַנץ לעבן האָב איך נישט געזען אַזעלכע וואונדערבאַרע, אַזעלכע צוגעהאַלטיגע וועגן.

איהר פאָרט הונדערטער קילאָמעטער אין איין ערגעץ ווערט אייך נישט געבען קיין טרייסל, ס'ווערט אייך נישט ווארעם, נישט שלייפעריג. דער וועג איז אומעטום, ווי אויף שפּאַציר בעליוזע ביי דער טריאומפאַל – בויגן אין פאַריז. קיין שום אונטערשיד נישט. אַ אידעאַלע ריינקייט איז די העכסטע קונסט אין וועג־בוי. איהר פליהט די גאַנצע צייט ווי אויף אַ פּאַרקעט, וואָס ציהט זיך אויף הונדערטער און פופציגער קילאָמעטער. און וואַסער אויסמערקזאַמקייט צו די ריינענדע, וואָסער ממש מוטערליכע זאָרגפאַלטיגקייט. אויף ביידע זייטן פון וועג „אויפקלערענדע" אויפשריפטן. מ'וואָרנט אייך אַז באַלד וועט דער וועג גיין שיף אַראָפּ, אַז אין אַ מינוט אַרום וועט זיין אַ „ווירגאָש" (זיגזאַג). אַ דער שטאָט וועט איבערגעהאַקט פון אַ באַהן, אַז בעת אַ טייטש וועקער איז דאָ גע־פעהרליך צו פאָהרען גיך, אַז אָט דאָ טאָר מען נישט דובלירען. ד. ה. אי־בעריאָגן אַנדערע אויטאָס.

תאָלעגדיג ביי זיך אַ מאָפּע פון פראַנקרייך, קאָנט איהר אַרומפאָהרען איבער'ן גאַנצען לאַנד און קיינמאָל ביי קיינעם נישט פרעגען דעם וועג. די אויפשריפטן אויף די סלופּעס וועלען אייך זאָגען אַלצדינג: וואו איהר געפינט זיך, וויפיל קילאָמעטער איהר זענט שוין דורכגעפאָהרען און וויפיל עס איז אייך נאָך געבליבען צו פאָהרען. אַלע ציכענס אויף ביידע זייטען פון וועג זענען זעהר אייגנאַרטיג, זעהר גענויע און אין משך פון אַ האַלבער שעה קען אפילו אַ קינד זיך אויסלערנען „לייענען דעם וועג".

מיר זענען למשל געפאָהרען אין אַ קליין דערפעל סערקיני און נאָרמאַנדיע, און טאָמער דאָס איז געווען אַ'ערך 200 קילאָמעטער פון פאַריז, האָבען מיר קיין איין מאָל נישט געפרעגט דעם וועג און אפילו נישט פאַרקלע־נערט דעם טעמפּאָ פון פאָהרען: די אויפשריפטן האָבען אונז געזאָגט אַלצדינג, וואָס מיר האָבען געדאַרפט.

פערצעהנדיג די דאָזיגע אַכטאָלט קילאָמעטערס, פאַרביי־פליהענדיג דורך וואונדערשעהנע וועלדער, קאַשטאַ־נאַלעען און ביגעטע ברעגעס פון טייכען און טייכלעך, האָב איך מיר נישט איינמאָל דערמאָנט אין די וועגען פון ווייטען מזרח, ווען מ'פלעגט אַלע מאָל מוזען אָפּשטעלען דעם פאָהרען און איין שרייען:

– פּאָמעליסער, מיוועל איינער, וועסט די גאַנצע נשמה אַרויסטרייסלען! אָדער, ווען פלעגט צוקומען אַז אַ בריקעל, האָט מען בעסער געוואָלט אַראָפּשפּרינגען און גיין צופוס, וויל אַנ־דערש האָט מען ריזיקירט מיט'ן לעבען.

אָט מיט אַ הונדערט יאָהר צוריק, אין די צייטן פון נאַפּאָלעאָנ'ען האָט מען אויך איבער פראַנקרייך נישט גע־קאָנט דורכפאָהרען. דאָס, וואָס ווערט איצט אָנגערופען אויטאָ־רוט דע לאַ גראַנד אַרמעי, איז געווען דער ערשטער וועג, וועלכען נאַפּאָלעאָן האָט געלאָזט מאַכען פאַר דער גרויסער אַרמעי זיינער. איצט איז דאָס דער צענטער פון פאַריז, מיט דער טריומפאַל־בויגען איגמיטען.

ביי נאַפּאָלעאָן 3., אויב כ'האָב קיין טעות נישט, זענען די הויפּט־שאָסייען שוין געווען פאַרטיג. און איצט איז דאָס גאַנצע לאַנד דורכגעשניטען פון די מערקווירדיגע אַספאַלט־וועגען, וועל־כע קאָנקורירען גאַנץ ערנסט מיט דער באַהן.

וויפיל קאָסט אַ ג'אויטאָמאָביל־רייזע? קענערס פון דער זאַך האָבען מיר געזאָגט: – ווען איהר פאָהרט אַליין, מאַכט עס אייך אויס אַביסעל טייערער פאַר דער באַהן. ווען איהר פאָהרט אין צווייען, איז דאָס שוין אַביסעל ביליגער פון דער באַהן, און ווען איהר פאָהרט אינדרייען, דאַן איז עס שוין אינגאַנ־צען ביליג.

ביי שטרעקעס פון 100—200—300 קי־לאָמעטער מאַכט אויך דער סחורות טראַנספּאָרט און אויטאָמאָבילען אויס פיל ביליגער.

אַ זייף־פאַבריקאַנט האָט מיר געזאָגט אַז פאַר אַ הם לוינט זיך זיכער צו שי־קען זיין סחורה אין אויטאָמאָבילען. – ביי דעם אופן פון טראַנספּאָרט דאַרף מען נישט לאָדענען אין די וואַגאָנס און נישט אויסלאָדען אויף די סטאַנ־ציעס. און דאָס אַליין איז שוין אַ גרויסע עקאָנאָמיע. און אויך די קליענטען זענען צופרידען, ווען מ'ברענגט זיי די סחורה דירעקט אין געשעפט אַריין: ס'איז שנעלער, איינפאַכער און ביליגער.

ביי אַזעלכע בעדינגונגען איז נישט קיין וואונדער, וואָס דער אויטאָמאָבי־ליזם אַנטוויקעלט זיך אין פראַנקרייך מיט יעדען טאָג. דאָס איז שוין נישט קיין פּריווילעגיע פאַר רייכע, נאָר אַ פּשוט'ע געשעפטליכע איינריכטונג.

מענשען ווילען נישט זיין אָפּהענגיג פון „פאָהר־פּלאַנען" פון באַהן ריכטונגען. יעדער איז אַליין פאַר זיך אַ „פאָהר־פּלאַן".

איין זאַך איז אַ גרויסער חסרון פון פראַנצויזישער אויטאָמאָביליזם: דאָס איז די אומגעהויערע, כסדר וואַקסענדע צאָהל קרבנות און אומגליקס פאַלען.

די בלעטער רופען דאָס אַן „אויטאָ עפּידעמיע". און וויקליך, מיט דער דאָזיגער עפּידעמיע קען זיך נישט פאַר־גלייכען קיין שום טיפוס, שקאַרלאַטין, דיפטעריט אָדער גריפּע מיט אינפלו־ענציע. עס נעהמט אַשוב אַרום אַ שרעק ווען מ'לייענט די רשימות פון די דער־הרג'עטע און פאַרוואונדעטע.

אין איינציגע בלעטער ווערען אַפילו טעגליך געדרוקט אויפרופען: שאָפע־רען זייט פאָרזיכטיג!

אָבער די אויפרופען העלפען נאָר־נישט. און קודם כל דערפאַר, ווייל אַ פראַנצויז איז אַנערקאַנט נישט קיין גוטער פאָהרער, נאָר אַ וואָהגהאַלזיגער. אין פאַריז גופא ווערט טאָלערירט אַ נישט־דערלאָזע־באַרע שנעלקייט פון די אויטאָס. און אויף די שאָסייען פליהען די אויטאָס ממש ווי אַ ווירבל. נישט מ'פאָהרט, נאָר מ'פליהט פערביי, ווי אַ בליץ.

צווישען די שאָפערען און פוסגעהער – אויף פראַנצויזיש הייסען זיי „פיע־טאָנען" – האָט זיך איינגעשטעלט אַ טעמפּע, מן א'דיגע שנאה.

די „פיעטאָנען" רופען אָן די שאָפע־רען „מערדער", „קאַמשנידער". דאַגע־גען ביי די שאָפערען איז דאָס וואָרט „פיעטאָן" גופא אַ זידעל־וואָרט.

א. יא-סקי.

!!! איבעראַשענד נייעס !!!

קויפט נישט קיין קאָסמעטיק, בעפאָר איהר וועט נישט בעזוכען

די גוט־בעקאַנטע און רעיעלע

פּערפומעריע

וועלכע איז צוגעגרייט צו די בעפאָרשטעהענדע ימים־טובים מיט אַ רייכען אויסוואַהל פון די נייעסטע פּערפומען.

טואַלעט־זייפען, קרעמען,

קעלנישע און בלומען־וואַסערן, פּודער קאָטי און הוביגאַן א. א.

אַלעס צו די אויסערסט רעדוצירטע נאָך נישט געהערטע פּרייזען.

פּודער קאָטי נור 2.70 – א – שאַכטעל

פאַר אַנגראָ־איסטען – ראַבאַט!

פאַר רעיעלע סחורה ווערט גאַראַנטירט.

Perfumerja DRUKIER

11 ZAWADZKA 11

Dr. med. H. LUBICZ

ציעגלאַנאַ 43, טעל. 41-92.

ספּעציאַליסט פאַר אויער, געשלעכטס און פּאָ־טיר־וועגע קראַנקהייטען. באַ־האַנדלונג פון עלעקטריזיר־לאַמפּען (אַקטו־אָוויאָלעט) נעמט אָן פון 8—10 און פון 5—8 אָוונט

Dr. med. D. HELMAN

צוריקגעקעהרט

ספּעציאַליסט פאַר אויערן, נאָז, האַלז־קאָפּ און האַלז־קראַנקהייטען

פּעטריקאָווער 68, טעל. 12-20.

נעמט אָן פון 10—12 און פון 5—7 אָוו.

Dr.St.HEINRICH

ספּעציאַליסט פאַר קינדער־און אינערן־קראַנקהייטען

פּאַמאַרסקאַ 10, טעלעפ. 47.67.

קאָנסולטאַנט פון 4 ביז 6 נאָכמ.

פון א. שאַרפצינגעל

מיים, נעבעך!

פעליעטאָניסטיש

איך בין אַמאָל געווען אַ מיים און אַיאַטער, וואָס בין איך? אפשר קאָנט איהר מיר זאָגען: צי וואָס נוץ איך און ווער דאַרף מיך? אוי, וואָס איך בין אַמאָל געוועזען! אוי, אוי, דער געוועזען, דער געוועזען!

נישט געדאַכט זאָל דאָס מין: געוועזען זיין!

ווען נישט דאָס אַנטיקעניש, וואָס מען רופט: געוועזען, וואָלט מען דאָך שטענדיג געווען — האָט מיר אַמאָל געזאָגט מיינער אַ פריינט, אַ פיק־רענקענדער און קליגער מענש.

איצט זעה איך, אַז עס איז טאַקע אַזוי... יאָ, געוועזען אַמאָל אַ מיים און איאַטער?

ווער קען וויסן, וואָס איך בין איצ־טער?

קען זיין, אַז מען לאַכט פון מיר אין אַלע גאַסען, קען זיין, אַז אומעטום בין איך אויסגעשטעלט אויף חוזק, מען שטאָט און מען ווייזט זיך איבער מיר — וואָס ווייס איך, וואָס עס טוט זיך אונטער מיינע פּלייצעס?

ס'איז מעגליך, אַז מען שטעקט צו מיר גאָר אַרויס אַ צינג אויך... אַ צונג, אַ לאַנגע, אַ דיקע און אַ שאַרפע. ס'איז זעהר מעגליך, נאָר איך ווייס נישט דערפון, איך זעה נישט.

געהמט נישט פאַראיבעל אויף מיר. איך לייד אויף צוויי קליינינקע חזרונגות: אַביסעל בין איך בלינד און אַביסעל דערפיהל איך נישט. נישט מחמת עלטע־קייט. אויף עלטער שוואַכקייט לייד איך נאָך נישט, וואָרים איך בין גאָר נישט אַזוי אַלט.

מיר איז אָבער געשעהן אַ מעשה, אַן אומגליק אַזאַ, נישט פאַר קיינעם בעדאַכט, איך האָב זיך דערשראָקען, אָבער גאָר שטאַרק דערשראָקען. איך זאָג אייך, גאָר געוואַלדיג דערשראָקען.

פון שרעק איז דאָס מיר געקומען...

פון שרעק, קען מען אַמאָל אַוועק פון דער ליבער, ליכטיגער וועלט — האָט מיר אַמאָל געזאָגט איינער אַ פריינד, אַ זעהר קלוגער און ערפאַרענער מענש און האָט מיר פערזיכערט, אַז עס האָט שוין פּאַסירט אַמאָל אַזאַ פאַל אויך...

מיך, ווי איהר זעהט, האָט די שרעק אַזוי ווייט נישט געטראָפען. פון דער ליבער, ליכטיגער וועלט, האָט מיך די שרעק נישט אַוועקגעריסען, נאָר איך בין געבליבען מיט אַ מיחוש: כ'דער־זעה נישט און כ'דערפיהל נישט.

אוי, מיינע ליבע, האָב איך מיך דערשראָקען, אָדער אַנדערש געזאָגט, האָט מען מיך אָנגעשראָקען, אַז העגד פון פיס ציטערן מיר. דאָס, וואָס איהר זעהט מיך נאָך אַביסעל זשיפּען, איז פּשוט אַ נס. יאָ, יאָ, אַ נס, אַ גרויס נס. אַנדערע האָבען פון דער זעלבער שרעק נאָך אַ סך ערגער אָפּגעשניטען...

איך וואָלט אייך דערצעהלט, וואָס עס איז מיט די אַנדערע דאָן געשעהען, ווען די שרעק איז אָנגעפאַלען, נאָר דער זכרון איז ביי מיר אויך אַביסעל קאַליע געוואָרען, געדענק איך נישט גאַנץ גענוי, וואָס עס איז דאָן געשעהן.

אוי, די שרעק, די שרעק!

וואָס די שרעק האָט פון מיר גע־מאַכט.

מען קען זאָגען, אַז איך בין אַ קאַלי־קע געוואָרען, טאַקע אַ ג'אמת'ע קאַליקע.

עפּיס גוט צו זיין אַ קאַליקע? איהר זעגט שוין אַמאָל געווען אַ קאַליקע? אויב איהר זענט נאָך קיינמאָל נישט געווען קיין קאַליקע, קאָנט איהר נישט וויסען וואָס אַ קאַליקע איז אַזוינס, און ווי שלעכט עס איז צו זיין אַ קאַליקע.

מיינער אַ גוטער פריינד, אַ זעהר קליגער און פריינדליכער מענש, האָט מיר אָנגעפאַלט געזאָגט, אַז עס איז אַ סך געזונדער נישט צו זיין קיין קאַליקע.

בין איך, ווי איהר זעהט, אַ קאַליקע, דאַרף איך זיך שעהמען? אפשר יאָ און אפשר נישט. איך בין נישט ביכולת פעסטצושטעלען מכח דער בושה. פּשוט און פּראָסט, איך קען מיר נישט צוזאַ־מענגעהמען די געדאַנקען, מחמת דער געדאַנקען־גאַנג איז ביי מיר זעהר אַ שוואַכער, אַזוי ווייט, אַז פראַכטען ווע־נען עפּיס קומט מיר אָן זעהר שווער.

איך האָב וועגען אַ סך זאַכען צו טראַכטען, איך בין דאָך עפּיס אַ מיים, נאָר גאָר, גאָר וואָס פאַר א שרעק, אַז די שרעק שטעהט דיר פאַר די אויגען...

אָט למשל האָב איך הייגטיגע וואָך בעשלאָסען וועגען עפּיס אַ פראַכט־טאָן, וועגען עפּיס אַ זאַג־טאָן. — אוב דאַרף מען דאָך, אַפילו כמנים פון זשיפּשען, אויך אַמאָל פּרוּבירען — איז מיר אונטער געשפּרונגען די שרעק און — אַ סוף צו מיין טראַכטעניש און צו מיין זאָ־געניש.

ווער איז גכח וועגען עפּיס צו טראַכ־טען, וועגען עפּיס צו זאָגען, אַז די שרעק פאַכעט דיר איבערן האַלדז...

געמט ביי מיר אַוועק די שרעק און איך ווער מיט לייטען גלייך.

אַזוי־לאַנג, ווי עס שוועבט און גע־וואַלטיגט איבער מיר די שרעק, וועט זיך די קאַליקע נישט אָפּשטעלען פון מיר. בלייב איך קאַליקע.

נאָך גוט, וואָס דער חוש גאָר אַ מאָר גילדען האָט זיך נישט אָפּגעטאָן פון מיר. אויף אַלע מיינע חושים האָט די שרעק שליטה, נאָר אויפ'ן חוש פון דער מטבע, האָט די שרעק נישט קיין שליטה.

נישט אומויסט זאָגט מען, אַז ביי יעדען געשעהענעם אומגליק, געשעהט נאָך מיט אַ שטיקעל גליק אויך.

וואָס וואָלט איך געטון, ווען איך פאַרליר דעם פּענסיע־חוש? איך וואָלט דאָך דאַן געבליבען אָהן פּענסיע.

אַ שעהן פּנים וואָלט איך געהאַט. ס'וואָלט מיר געבליבען נישט אַנדערש נאָר צו נעמען אַ טאָרבע און צו גיין אין די הייזער.

אַ דאַנק דער פּענסיע, האַלט איך זיך נאָך אויף די פיס, אַנדערש וואָלט איך שוין געהאַט פון לאַנג אומגעפאַלען, אָדער גאָר אַוועקגעוואָרפען דאָס גאַנ־צע פעקעל, דעם גאַנצען הויקער און ענטלאָפען. וואָס טויג מיר אומזיסט צו לעבען אין שרעק? נאָר ווען מען נעהמט מיר דערפאַר, איז, זעהט איהר, שוין גאָר אַ פּאָר טויזענט.

געצעהלט מיר דערפאַר, איז, זעהט איהר, שוין גאָר זאָיס אַנדערש.

זאָל זיין פון שרעק, אַבי צום לעבען! מיינער אַ פריינד, זעהר אַ פּראַקטי־שער און קליגער מענש, האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז הייגטיגע צייטען קען מען אָהן געלד היינטער. ער אַליין — האָט ער מיר פערזיכערט — וואָלט אויך פערהונגערט געוואָרען, ווען ער האָט נישט אַ ביסעל גראָשען.

ס'איז טאַקע נישט גוט צו לעבען שטענדיג אין שרעק, אָבער צו הונגע־רען איז נאָך ערגער.

לעב איך אין שרעק און נעם מיר די פּענסיע.

איך האָב שוין געהאַט אַמאָל אַ פּראַכט געמון, אַז עס וואָלט געווען אַ יושר צו עגטלויפען. נישטאָ מיך מעהר, געהט שטאָט איך אַנ'אַנדערען מיים, זאָלען אַנדערע ציטערן אין מויס־שרעק, זאָלען אַנדערע אַרומגעהן מיט געבויגענע פּלייצעס, איך קען מיר פאַר־גינען נישט צו זיין קיין קאַליקע! שליכט זיך צו מיר אָבער אונטער די פּענסיע, די פאַרשאָלטענע פּענסיע און – צוליב דער פּענסיע בלייב איך, ווי איהר זעהט, אַ קאַליקע.

פון צוויי זאַכען דאַרף מען זיך אויס־קלייבען: פון געלד און פון ווייבער. נאָר געהט היט זיך אָפּ פון די דאָזיגע זאַכען, אַז דאָס לויפט אויף דיר אויף יעדען שריט.

אוי, אוי, מיינע ליבענקע און טייערענקע, בין איך, ווי איהר זעהט, אויף גרויסע צרות. איך, וואָס איך דאַרף אייגענטליך זיין דער דעה־זאָגער, דער בעפעהלער, דער געזעץ־געבער, בין נאָר אַ פאַנטאָפעל, אַ פּיסען, בעני־קעלע, אַ שלים־מזלדיגער פּענסיע־נעה־מער, וואָס ציטערט שטענדיג אין טויט־שרעק.

דעם אמת מעג איך זיך אַליין אויך זאָגען, וואָס איז דאָ פערהאַן זיך צו שעהמען—איך בין נעבעך דער גרוי־סער ריכטיגער נעבעך.

לאָדז, 23 סעפטעמבער 1927.

נייער פאָלקסבלאַט

לאָדז, 23 סעפטעמבער 1927.

קולטור און ציוויליזאַציע

וואָס עס פעהלט אמעריקא

פון צביון

איך וויל זיך מודה זיין, אַז איך קען זעהר ווייניג די אַמעריקאַנער יענקעס.

אמת, איך בין אַ רעכט ביסעל אַרום געפאָהרען אין אַמעריקע. איך בין דורכגעפאָהרען אַמעריקע פאַר קרייץ און פאַר קווער, אָבער דאָס קען בלויז זאָגען, אַז איך קען אַמעריקע. עס זאָגט אָבער גאָר ניט, אַז איך קען די אַמעריקאַנער.

גאָר וואָס הייסט קענען אַמעריקאַנער? דאַרף מען מאַכען זיין מיט זיי פּערזענליך באַקאַנט? זענען אָבער אין אַמעריקע פאַראַן 115 מיליאָן מענשען און דער גרעסטער טייל פון זיי זענען אמת'ע אַמעריקאַנער. סאַ ווי אַזוי איז מעגליך זיי אַלעמען צו קענען?

איך האָב אַמאָל געגלויבט, אַז איך קען דייטשלאַנד און די דייטשען. איך האָב געלעבט אין דייטשלאַנד זיבעטע עטליכע יאָהר. אָבער ווייפיל דייטשען האָב איך דאָרטען געקענט פערזענליך? זיכער ניט מעהר ווי פיל איך קען היינט אַמעריקאַנער.

איך האָב געקענט דייטשלאַנד און די דייטשען ניט דערפון, וואָס איך בין געווען פערזענליך באַקאַנט מיט עטליכע דייטשען אָדער מיט עטליכע דייטשע פאַמיליעס. נאָר דערפון, וואָס איך האָב אין דייטשלאַנד געלעבט אַ לענגערע צייט, האָב זיך צוגעקוקט צום דייטשען לעבען, געלייענט די דייטשע צייטונגען, די דייטשע ליטעראַטור און באַקאַנט געוואָרען מיט דער דייטשער קולטור.

איך האָב אָבער אויך דאָסזעלבינגע געטון אין אַמעריקע. און אַזוי ווי איך לעב אין אַמעריקע אַ סך אַ לענגערע צייט, ווי איך האָב געלעבט אין דייטשלאַנד, ערלויב איך מיר צייטענווייז צו גלויבען, אַז איך האָב אַ שפּיגל ידיעה וועגען אַמעריקע און וועגען אַמעריקאַנער פאָלק.

און אויף ווייפיל איך האָב זיך אָנבעלייענט וועגען אַמעריקאַנער פאָלק און אויף ווייפיל איך קען אים פון מיינע אייגענע באָבאַכטונגען, האָב איך וועגען אים אַ מיינונג:

דאָס אַמעריקאַנער פאָלק האָט זעהר אַ הויכע ציוויליזאַציע. איך וואָלט זאָגען די העכסטע ציוויליזאַציע אין דער וועלט. עס האָט אָבער אַ גאַנץ נידעריגע קולטור.

צווישען ציוויליזאַציע און קולטור איז אַ גרויסער אונטערשיד, הגם די מייסטען מענשען מישען צונויף די ביידע בעגריפען.

איך געדענק ניט ווער עס האָט געזאָגט, אַז די ציוויליזאַציע פון אַ פאָלק ווערט געמאָסטען מיט דער מאָס זייף וואָס ער פערברויכט. איך בין זיכער, אַז דאָס אַמעריקאַנער פאָלק פערברויכט אין פּראָפּאָרציע מעהר זייף ווי וואַסער. עס איז אַנדער פאָלק אויף דער וועלט אַמעריקע האָט געקראָגען אַ נאָמען אויף דער וועלט אַלס דאָס לאַנד פון באָדע-צימערען און איך וועל מיר ערלויבען צוצולעגען, אַז אַמעריקע איז אויך דאָס לאַנד פון פּיזשאַמעס. וואָרים אויף ווייפיל איך ווייס, וועט קיין אַנשטענדיגער אַמעריקאַנער זיך ניט לייגען שלאָפען אָהן פּיזשאַמעס.

אַמעריקע האָט אויסגעצייכענטע איי זענבאַהנען, העכסט מאָדערנע האָטעלען, די גרעסטע צאָל אויטאָמאָבילען און ראַדיאָס, די העכסטע וואָלקען-קראַצער, די לענגסטע בריקען, די ריזיגסטע פאַבריקען—און קורצען, אַמעריקע האָט אַלץ, וואָס די מענשליכע ציוויליזאַציע האָט געשאַפען. דער אַמעריקאַנער איז דעריבער אַ העכסט ציוויליזירטער מענש.

אָבער ציוויליזאַציע האָט בלויז צו טאָן מיט אויסערליכע זאַכען; ציוויליזאַציע איז אַ פּראָדוקט פון דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק. און די ציוויליזאַציע און די בעדינגונגען פון אַמעריקע זענען געווען אַזעלכע, אַז זי האָט זיך געקענט איינשאַפען אַלץ, וואָס די ענטוויקלונג פון דער טעכניק האָט געקענט אַרויסגעבען. קולטור אָבער האָט צו טון ניט מיט אויסערליכע זאַכען, נאָר מיט דער אינערליכער גייסטיגער ענטוויקלונג פון אַ פאָלק, מיט זיין גייסטיגער הויך און קולטור פעהלט דעם אַמעריקאַנער, זיין גייסטיגע ענטוויקלונג איז ניט קיין הויכע. דאָס אַמעריקאַנער פאָלק האָט דעריבער אַלע חסרונות פון אַ קולטור ניט דערוואַקסענעם פאָלק.

די פּראַנצויזען זענען ווייט ניט אַזוי ציוויליזירט, ווי די אַמעריקאַנער. אַ פראַנצויז פערברויכט אפילו ניט קיין העלפט זייף, וואָס אַן אַמעריקאַנער פערברויכט. און איך קען וועטען אַז אַ סך בכבוד'יגע פראַנצויזען שלאָפען ניט אין פּיזשאַמעס. אין פּאַריז קען מען געפינען גאַנץ ווייניג אַזעלכע באַקוועמע און מאָדערנע אַפּאַרטאַמענט-הייזער, ווי ניו-יאָרק פערמאָגט עס. אין פראַנקרייך קען מען נאָך היינט געפינען מיליאָנען פראַנצויזען, וואָס האָבען נאָך קיין מאָל ניט פערזוכט דעם טעם פון פאָהרען אין אַן אויטאָמאָביל; און עלעקטרישע בעלייכטונג איז נאָך אין די מייסטע הייזער פערבליבען פאַר אַ לוקסוס. עס הייסט, אַז אין ציוויליזאַציע קענען זיך די פראַנצויזען ניט פערגלייכען מיט די אַמעריקאַנער, אָבער אַ קולטור האָבען די פראַנצויזען אַ סך אַ העכערע, ווי די אַמעריקאַנער. זיי זענען גייסטיג העכער ענטוויקעלט. זיי זענען קולטור-רעלער.

דאָסזעלביגע קען געזאָגט ווערען וועגען די דייטשען, וועגען די ענגלענדער, וועגען די שוועדען און וועגען די אַנדערע פעלקער מיט אַלטע איינגעפונדעוועטע קולטורען.

די דייטשען האָבען שוין אויך דער-גרייכט אַ הויכע מאָס פון ציוויליזאַציע. אָבער ניט אַזאַ הויכע מאָס, ווי די אַמעריקאַנער. דערפאַר אָבער זענען די דייטשען אין קולטור אומפערגלייכליך העכער פון די אַמעריקאַנער.

פריהער פאַר אַלץ קומט די קולטור פון אַ פאָלק צום אויסדרוק אין זיין ליטעראַטור, אין זיין וויסענשאַפט און אין זיינע קונסט-שאַפונגען. דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד, איטאַליען און אַזוי ווייטער, זענען בעריהמט מיט זייערע ליטעראַטורען, וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען און קונסט-שאַפונגען. וואָס האָט אָבער אַמעריקע אויף די געביטען צו בעווייזען? אַמעריקע קען זיך בלויז בעריהמען, אַז זי האָט אויף דעם געביט פון מוזיק בעשאַנקען די מענש-הייט מיט דזשעז.

געוויס זענען פאַראַן אוראַלטע פאַר וואָס אַמעריקע איז אַזוי אָרים אין קולטור. אַמעריקע איז נאָך אַ יונג לאַנד און די אַמעריקאַנער זענען נאָך אַ יונג פאָלק, און עס דויערט אַ סך יאָהרען ביי אַ פאָלק ביז עס ענטוויקעלט זיין אייגענע קולטור. און אויב ציוויליזאַציע קען מען קויפען, אויב פאַר גוט געלט קען מען זיך איינשאַפען אַלץ, וואָס די מאָדערנע טעכניק קען אַרויסגעבענגען קען מען אָבער גערן פאַר געלט אַ גאַציאָנאַלע קולטור.

אַמעריקע פערמאָגט די בעסטע אָפּע-רע אין דער וועלט. ניטאָ אין ערגעץ אַזאַ גוטע אָפּערע ווי די מעטראָפּאָלי-טאַן-אָפּערע אין ניו-יאָרק. אַמעריקע קען קויפען די בעסטע זינגער, די בעסטע מוזיקער און די בעסטע קאַ-פעל-מייסטער, וואָס אייראָפּע האָט אַרויסגעגעבען. זי קען אָבער ניט פאַר אַלע מיליאָנען, וואָס זי פערמאָגט, זיך איינשאַפען אייגענע נאַציאָנאַלע אָפּערעס, גיטאָ פערלויפיג אין אַמע-ריקע אַזעלכע אַמעריקאַנער, וואָס זאָ-לען עס קענען שאַפען. און אַ סך יאָהרען, ווען דאָס אַמעריקאַנער פאָלק וועט ווערען עלטער, וועט זיך אויך ביי אים אַנטוויקלען מעהר קולטורע-לע גייסטער.

אָבער חוץ מיר ווייסען אַפילו די אורזאַכען, פאַרוואָס דאָס אַמעריקאַנער פאָלק איז אַזוי ווייניג קולטורעל, ענ-דערט זיך אָבער דאָך ניט דער פאַקט, אַז זיי שטעהען אויף אַ נידעריגערע קולטורעלער מדרגה ווי די אייראָפּעאישע קולטורעלע פעלקער. די אורזאַך ערקלערט בלויז דעם פאַקט, אָבער ענדערט אים ניט.

נאָך וויכטיגער ווי אַלץ איז, וואָס די קולטורעלקייט פון אַ פאָלק דריקט זיך אויס אין זיינע בעציהונגען צו דער וועלט, צו מאָסירונגען, געשעהעניש'ן, זאַכען און מענשען.

איז דען דאָס לינטשען אין אַמע-ריקע ניט קיין אויסדרוק פון ווייניג קולטורעלקייט?

און האָט זיך דען ניט די גאַנצע אַמעריקאַנער אומקולטורעלקייט אַרויס-געוויזען אין דעם סאַקאָ-וואַנזעטי פּראָצעס?

דער סאַקאָ-וואַנזעטי פּראָצעס האָט אויסגעוויזען דאָס גאַנצע ביסעל אינטעלי-גענץ, וואָס אַמעריקע פערמאָגט. די גרעסטע און באַקאַנטעסטע אַמערי-קאַנער צייטונגען, אָהן אונטערשיד פון ריכטונג, האָבען פערלאַנגט, אַז דער טויט-אורטייל איבער סאַקאָ און וואַנ-זעטי זאָל ניט דורכגעפיהרט ווערען; די צייטונגען פון דער גאַנצער וועלט, די בעסטע מענשען פון דער גאַנצער וועלט האָבען געבעטען דאָסזעלביגע; דער אַלטמעטשקער לובע, געוועזענער פּרעזידענט פון פראַנקרייך, האָט פער-זענליך דעפעשירט און געבעטען רחמים; די בערימטעסטע שריפטשטעלער און וויסענשאַפטסלייט פון דער וועלט האָ-בען געבעטען, אַז סאַקאָ און וואַנזעטי זאָלען בעגנעדיגט ווערען. אָבער עס האָט קיין זאַך ניט געהאָלפען. וואָלט דאָס געקענט פּאַסירען אין אַ קולטו-רעלער לאַנד אין אייראָפּאַ? קולטורע-לע מענשען רעכענען זיך מיט דער עפענטליכער מיינונג אין זייער לאַנד, און קולטורעלע פעלקער רעכענען זיך מיט דער עפענטליכער מיינונג פון דער וועלט. בלויז דער אומקולטורעלער אַמעריקאַנער האָט געקענט ווערען אין כעס, וואָס פרעמדע לענדער און פרעמ-דע פעלקער זאָגען אַ מיינונג וועגען אַ פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַמעריקע.

עס איז די פראַנצויזען ניט איינ-געפאַלען אַפילו צו האָבען פאַריבעל, וואָס פרעמדע לענדער האָבען זיך אַזוי שטאַרק אינטערעסירט מיט דעם דריי-פוס-פּראָצעס. פאַר אַ קולטורעלען פאָלק איז עס אַ זעלבסטפערשטענדליכע זאַך, אַז ס'דאַרף עקזיסטירען אַן עפענטליכע מיינונג, און אַז אַ קולטור-פאָלק דאַרף זיך רעכענען מיט דער מיינונג פון אַנדערע קולטור פעלקער.

און דאָס איז אויך די אורזאַך פאַר-וואָס די אַמעריקאַנער פּרעסע האָט דאָ ניט געהאַט קיין ווירקונג. וואָרים די אַמעריקאַנער אינטעליגענץ האָט גאָר ניט געקענט פועל'ן. ווייניג קולטורע-לע מענשען רעכענען זיך ניט מיט דער מיינונג, וואָס קומט פון קולטורע-לע קוואַלען. אין די קולטורעלע לענ-דער האָט די מיינונג פון וויסענשאַפטס-לייט, פון שריפטשטעלער, פון אינטע-ליגענטען אַ געוויכט, מען רעכענט זיך מיט זייער מיינונג. אין אַמעריקע אָבער האָבען זיי קיין ווערט. און דאָס איז ניט חס ושלום צוליב דעמאָקראַטיע, נאָר צוליב גראָבקייט און מאַנגעל אין קולטור.

איך האָב שוין איינמאָל דערמאָנט, וואָס דער באַקאַנטער דייטשער פּראָפע-סאָר יאָזעף קאָהלער האָט געשריבען צו דעם גרויס-הערצאָג פון באַדען, ווען ער האָט אים געבעטען אַן עצה וועגען אונטערשרייבען אַ טויט-אור-טייל. ער האָט אים געשריבען, אַז ער זאָל ניט בלויז טראַכטען וועגען דער שולדיגקייט פון דעם פערור-טיילטען, נאָר וועגען דער גרויסער צאָהל מענשען, וואָס גלויבען, אַז דער פערורטיילטער איז ניט שולדיג, און די אויסציהרונג פון דעם טויט-אור-טייל וועט זיי זעהר סוף ווצה טון.

אָט דאָס איז אַ בעציהונג פון קול-טורעלע מענשען.

און איך בין ניט זיכער, צי פּראָ-פעסאָר קאָהלער האָט געהאַלטען אַלע טאָג אַ וואַנע און איז בעשלאָפען אין פּיזשאַמעס, אָבער ער איז געווען אַ קולטור-מענש פון אַ הויכער מדרגה.

און עס איז לחלוטין ניט קיין פראַ-גע פון גערעכטיגקייט. אַמעריקאַנער זענען פונקט אַזעלכע גערעכטע אָדער אומגערעכטע מענשען ווי די אייראָפּעער. און איז דאָך גערעכטיגקייט אַזאַ אומבעשטימטע זאַך. אויב איינער וויל, קען ער זאָגען, אַז ביידע צדדים זע-נען אין דעם סאַקאָ-וואַנזעטי פּראָצעס געווען גערעכט. אָבער קיין קולטור-מענש קען ניט זאָגען און וועט ניט זאָגען, אַז אונטער די אומשטענדען האָבען סאַקאָ און וואַנזעטי געדאַרפט געטויטעט ווערען. אין קיין קולטור-לאַנד וואָלט דאָס ניט פּאַסירט.

די אומערשטע שורה איז, אַז זיין ציוויליזירט אַליין איז נאָך ווייניג. מען דאַרף אויך זיין קולטורעל. און קולטור פעהלט אונזער אַמעריקע. דאָס איז אַן אומגליק, אָבער אַן אמת.

די אויסגראַבונגען אין אור כשדים

פראַגמענטען פון וויסענשאַפט און טעכניק

פון ל. סאַמאַילאָוו

ניט ווייט פון דעם פערטען אויס-גוס אין מעסאָפּאָטאַמיע, און ניט ווייט פון דער שטאָט בוסרא געפינט זיך דער פלאַץ, וועלכער ווערט אין דער ביבעל אָנגערופען: אור כשדים, די שטאָט אור פון די כאַלדעער, די געבורטס-שטאָט פון אברהם אבינו.

נאָך מיט אַ יאָהר 75 צוריק איז דאָס געווען ניט מעהר ווי אַ בערגעל אין מיטען פון אַ וויסטען טאָל. דאַן האָט מען דאָרטען אָנגעהויבען מאַכען אויסגראַבונגען און אויפגעדעקט די ווענט פון די הייזער און טעמפּלען, וואָס זענען געווען בעדעקט מיט ערד און זאַמד עטליכע טויזענד יאָהר נאָכ-אַנאַנד און ווען די אויסגראַבונגען זע-נען שוין געמאַכט געוואָרען, האָט מען זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז דער אור כשדים פון דער ביבעל. אָבער אַזוי ווי די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרכעאָלאָגען איז געווענדעט געוואָרען צו מעהר פרוכטבאַרע פעלדער אין זעלבען מעסאָפּאָטאַמיען, האָט מען דעם אור כשדים פערלאָזען אויף שפּעטער עטליכע צעהנדליגע יאָהרען.

און ערשט מיט עטליכע יאָהר צוריק איז אָהין אָוועק אַ נייע אַרכעאָ-לאָגישע עקספּעדיציע, וואָס איז אַרויס-געשיקט געוואָרען פון דעם בריטיש מוזעאום אין לאָנדאָן צוזאַמען מיט דעם פענסילוואַניע-אוניווערסיטעט אין פי-לאַדעלפיאַ. די פּעראייניגטע עקספּע-דיציע מיט לעאָנאַרד וואָללי אין דער שפּיץ האָט בענייס די אויסגראַבונגען אין אור כשדים און ענטדעקט נייע און זעהר אינטערעסאַנטע זאַכען, דורך וועל-כע אונזער קולטור-געשיכטע און די געשיכטע פון די מאָליגע אשור און בבל וועלען בעדייטענד רייכער ווערען.

אין דעם למצטען נומער פון דעם ענגלישען זשורנאַל „דיסקאָווערי" איז אָפּגעדרוקט אַ מילוואָרער בעריכט וועגען די ענטדעקונגען. מען האָט דאָר-טען אויסגעגראָבען אַ גאַנצע שטאָט מיט הייזער, טעמפּלען און גאַסען. פון די הייזער און טעמפּלען זענען געבלי-בען נאָר די ווענט פון דעם אונטער-שטען שטאָק פון יעדען הויז. אַז יע-דעם הויז האָט נאָך געהאַט אַן אויבער-שטען שטאָק — דערויף זענען פאַראַן אַ סך אָנדייטונגען.

די ווענט פון די הייזער זענען זעהר דיקע און זענען אויסגעלייגט פון גע-ברענטע ציגעל. פון די זעלבע ציגעל זענען אויך אויסגעפלאַסטערט די דילען פון די הייזער. איינציגע ציגעל האָבען אויף זיך דעם שטעמפּעל מיט'ן נאָמען פון דעם דאַמאָלסדיגען קעניג, וועל-כער האָט געלעבט מיט אַ 4,000 יאָהר צוריק. פון דאַנען דרינגט מען, אַז די שטאָט איז אַלט אַרום 4,000 יאָהר.

די אַלע הייזער זענען געבויט לויט דעם זעלבען פּלאַן און זענען מערקווירדיג ענליך צו די הייזער, וואָס ווע-רען נאָך אַצינד געבויט אין יענער געגענד. אין באַגדאַד, וועלכע געפינט זיך אין דעם געאָגראַפישען צענטער פון מעסאָפּאָטאַמיע, זענען נאָך איצטער פאַראַן אַ סך הייזער געבויט אויף דעם זעלבען אופן, דאָס צייגט ווי קליין עס איז דער פּראָגרעס פון קולטור, וואָס איז אין יענע געגענדען געמאַכט גע-וואָרען פאַר די לעצטע 4,000 יאָהר.

אונטער דעם דיל פון יעדען הויז האָט מען געפונען די קברים פון עט-ליכע מענער, פרויען און קינדער, ווייל עס איז דאַן געווען אַ מנהג צו באַער-דיגען די נאָהענטע קרובים אין הויז גופא, ד. ה., אונטער'ן דיל. אונטער'ן דיל פון איין הויז האָט מען געפונען 30 סקעלעטען פון קינדער. אין אייבעם פון די צימערען פון זעלבען הויז האָט מען געפונען אַ גאַנץ רייכע ביבליאָ-טעק מיט פערשריבענע טאָוולען. דאָ זענען געווען הימנען צו די געטער, ווערטער ביכער, רשימות מיט די נע-מען פון קעניגען, וואָס האָבען אַמאָל געוועלטיגט אין דעם פלאַץ פון אונזערע היסטאָרישע ביכער: מאַטעמאַטישע טאַבעלען און אַנדערע. עס איז זעהר מעגליך, אַז דאָ איז אַמאָל געווען אַ מין שול פאַר קינדער. און אַז די קינ-דער זענען אויסגעהרג'עט געוואָרען פון פיינדליכע סאָלדאַטען, וואָס זענען מיט אַמאָל בעפאַלען די שטאָט. דאָס איז געווען אַ מין פּראָסקוראָוו פון די אַמאָליגע צייטען.

די קברים פון די מענער און פרויען, וואָס מען האָט געפונען אונטער די הייזער און הינטער דער שטאָט, זענען ניט געווען קיין ליידיגע. אין יעדען פון זיי האָט מען געפונען לייכענע-רעס, און וועלכען מען האָט געלייגט די שפּייז, בעת מען האָט דעם טויטען בעגראָבען. די אַמאָליגע פעלקער האָבען געגלויבט, אַז נאָכ'ן טויט דאַרף די נשמה פון פערשטאָרבענעם האָבען די זעלבע שפּייז, און וועלכע דער קערפּער האָט זיך געניטיגט ביים לעבען.

אין די קברים פון איינציגע פרויען, וואָרשיינליך די רייכערע, האָט מען גע-פונען קעסטעלעך מיט פּודער פאַר'ן פּנים, שמירזאַלבען, קעמעלעך. האָר-נאָדלען און פערשידענע צירהונג, ווי אויערינגלעך, פינגערלעך, האַלזבענדער און אַנדערע. דאָס צירהונג איז געמאַכט פון גאָלד און איז אַרטיסטיש אויסגע-אַרבייט. דאָס אַלץ צייגט, אַז די פרוי-ען אין אברהם אבינו'ס צייטען זענען אין עסט געווען די זעלבע, וואָס זיי-ערע אור-ענקעלער מיט 4,000 יאָהר שפּעטער אין אַלע ציוויליזירטע און ניט ציוויליזירטע לענדער.

דאס היסטארישע שטעטל נארווא

פיל גערענקען נאָך נעמים דעם נאָמען פון טייך נאַראָוו, וואָס געפינט זיך אויפ'ן ברעג פון דעם געוועזענעם גרויסען רוסלאַנד, וועלכער האָט אין דער גרויסער וועלט-קריג געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע ביי די צוויי קעמפענ-דע אַרמעען פון די רוסען און די דייטשען. דאָ, אויף די ברעגען פון נאַ-ראָוו, און אין זייגע שוואַרצע טיפע וואַסערען האָבען אויסגעהויכט זייערע יונגע לעבענס צעהנדליגער טויזענדער דרייסטע זעלנער פון רוסישען פאָלק אין די מלחמה-יאָהרען פון 1915 ביז 1920. נישט איינמאָל איז דער טייך רויט גע-וואָרען פון בלוט און גאַנצע מחנות רוסען האָבען נעפּיקט די גרויסע-שפּיגעלנע וועלנערשע קערפּערס.

דאָ, וואו אַלמאָ צייט זיך אַ צעהן וויאָרסטיגער גרעניץ פאַס, וואָס טיילט אָפּ דעם באָלשעוויסטישען רוסלאַנד פון דער קליינער באַלטישער מלוכה-לע עסטלאַנד ביים נאַראָוו, געפינט זיך דאָס שטעטל, וואָס טראָגט דעם נאָ-מען פון טייך — נאַרווע. דאָס איז איי-נע פון יענע שטעט, וועלכע ס'איז אַמאָל באַשערט געווען צו טראָגען אויף זיך דעם יאָך פון פּאָליטישער און שפּילען אַ באַדייטענדע ראָלע אין דער געשיכטע פון אַ סך מלוכות.

איצט איז דאָס שטעטל אַ גאַנץ אומבאַדייטענדער פּונקט אין עסטלאַנד, האַרט ביי דער רוסישער גרענעץ. ווען נישט ווען שמוגלט זיך דורך אַ מאָ-ל קאָנטראַבאַנדע דורך דער גרענעץ און מען באַהאַלט עס ביי די נאַרווער אַזוי גערופענע, גרענעץ שפּעקולאַנטען.

אַבער גאָר אַמאָל, מיט הונדערטער יאָהרען צוריק, האָט נאַרווע געשפּילט אין משך פון זיבען הונדערט יאָהר אַ באַדייטענדע און גאָר אַ וויכטיגע ראָ-לע אין דער מלחמה-געשיכטע פון די פעלקער: דענער, שוועדען, דייטשען און רוסען, און וואָס האָבען דאָ אַנגע-פירט גרויסע בלוטיגע מלחמות געוואָ-נען און פערלאָרען געוואָרען.

די געשיכטע פון דעם היסטאָרישען שטעטל נאַרווע, וועלכען ס'איז אפילו אויסגעקומען שפּעטער צו שפּילען די ראָלע פון אַ גובערנאַלער שטאָט פאַר די רוסען, הייבט זיך אָן אין ערשטען העלפט פון דרייצעהנטען יאָהר-הונ-דערט. די דענער, וועלכע האָבען צו יענער צייט איינגענומען די קליינע זעלבסטשטענדיגע מלוכה'לע פון די עסטען, האָבען געלאָזט בויען דאָס שטעטל ביי די ברעגען פון טייך נאַראָוו, וואו זיי האָבען אויך געמאַכט אַ פעסטונג. וואָס זאָל זיי באַשיצען פון די רוסען און פון די קריגס-גערי-בע דייטשע באַראָנען.

אין ער ערשטער העלפט פון פער-צעהנטען יאָהר-הונדערט האָט דער דע-נישער קעניג, וואַלדעמאַר דער דריי-טער, פערקויפט נאַרווע צו אַ דייטשען באַראָן, אָבער אויך יענער האָט נישט געוואָלט זאָרגען וועגען באַשיצען די שטאָט פון אַנדערע אָנפאַלער, און אָהר פערקויפט אַ צווייטען דייטשען באַראָן. אַזוי איז נאַרווע אַריבערגעגאַ-נגען פון איין האַנט צו אַ צווייטער אויס מורא פאַר די שבֿעת'דיגע רוסען, מיט וועלכע די דייטשע באַראָנען האָ-בען זיך תמיד געפונען אין קריג.

אין סוף פון פופצעהנטען יאָהר-הונדערט, ווען ס'איז געשלאָסען גע-וואָרען אַ צייטווייליגער שלום-אָפּמאַך צווישען דעם דייטשען באַראָן פון לי-וואָניער אָרדען מיט דעם רוסישען גרויס-פירשט איוואַן וואַסיליעוויטש דער דריטער, איז נאַרווע אַריבער אין די הענט פון די רוסען, וועלכע האָבען אויסגעבויט אַ פעסטונג און איהר אַ נאָמען געגעבען איוואַנגאָראָד (איוואַנ-שטאָט). די פעסטונג האָט זיך געפונען אויפ'ן רעכטען זייט פון טייך נאַראָוו אויף דעם אַזוי גערופענעם „מיידעל-שען באַרג."

הייבען דעם נאָמען פון באַרג איז

און דער „מידעלשער בארג"

די ראָלע, וואָס דאָס שטעטעל האָט געשפּילט אין דער וועלט-מלחמה

פון בן ציון (אלמוני)

פערהאַנען אַזאַ לעגענדע, וואָס דערצעהלט פאָלגענדעס:

אויפ'ן רעכטען ברעג פון נאַראָוו פלעגען נאָך גאָר אַמאָל צוויי מאָל אין יאָהר זיך צונויפקלייבען די עסטישע דאָרפישע מיידלעך, וואו זיי פלעגען תולים און טאַנצען אַ גאַנצען נאַכט-לעבט. אַמאָל פלעגען זיך אויך אויפ-קומען די דאָרפישע יונגע לייט, און דאָרטען פלעגען געשלאָסען ווערען שדוכים. נאָך דעם ווי יעדער האָט זיך אויסגעקליבען אַ פּאָר, פלעגען זיך די געפּאָרטע חתנים און כלות אַראָפּלאָזען צו באָדען און טאַנצען צוזאַמען פון באַרג, ביים טייך אַזאַ מין „בשר-טאַנץ" און אַ קאַראַהאָד, און נאָכדעם זיך אומקערען צוריק אַהיים.

דאָס האָט געדינט אַלס אַ פערשפּיל צו דער חתונה, און באַלד פלעגען זיך צוזאַמענקומען די עלטערן. דורכקי-מען צווישען זיך וועגען דעם נדן און שטעלען אַ חתונה. האָט אָבער געטראָ-פען, אַז נאָך דער חתונה האָט דער מאַן באַקראָגען אַ חשד אויף דער פרוי, אַז זי איז איהם אומטריי געוואָרען און האָט געלעבט מיט אַ צווייטען, פלעגט ער איהר אַנקלאָגען פאַר די עלטסטע פון דאָרף און יענע פלעגען עס נאָכ-פאָרשען. אויב דער חשד האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר אמת, פלעגט מען אַרויס-קומען אַ משפּט איבער דער פרוי. דער משפּט פלעגט פאַרקומען אויפ'ן זעל-בען באַרג, וואו דער שדוך איז גע-שלאָסען געוואָרען. און איינעם פון די צוויי טערמינען אין יאָהר, ווען די יונגער פלעגט זיך צונויפקלייבען אויפ'ן באַרג זיך פאַרען, פלעגט מען פערבינדען די פרויס די אויגען און האָט פון אַ קורצער פּאַרטיי פון באַרג אַרונטערגעשטויסען אין טייך אַרײַן. דאָס האָט געדינט פאַר אַ מוסר צו שרעקען די מיידלעך. אַז נאָך דער חתונה זאָלען זיי בלייבען געטרייע פרויען.

אַזוי דערצעהלט די לעגענדע וועגען דעם „מיידלען באַרג". אַנדערע חוי-דער שרייבען צו דעם נאָמען פון באַרג צו זיין אויסזעהן. אין סאַמע מי-טען פון באַרג איז דאָ אַ פעלד און פון די זייטען צוויי רונדע באַרגלעך, וועלכע דערמאָנען מיט זייער אויסזעהן אַן אַ מיידעלשער ברוסט.

נאָכדעם ווי ס'איז דורך די רוסען אויסגעבויט געוואָרען די פעסטונג אויפ'ן „מיידעלשען באַרג", האָבען די שוועדען איינגענומען די שטאָט. גאַנץ לאַנג האָט עס געדויערט, און ווען דורך אַ שוואַך האָט אויסגעבראָכען אַ גרויסע שריפה אין נאַרווע, איז דער רוסישער חיל, וועלכער האָט פון לאַנג געלויערט אויף דער שטאָט, אַריינגע-קומען און פערטריבען די שוועדען.

דאָס איז געווען אין דער צווייטער העלפט פון 16-טען יאָהרהונדערט, ווען אין רוסלאַנד האָט געהערשט דער באַ-רימטער מיט זיינע שרעקליכע מעשים — איוואַן דער גרויזאַמער. אין דער צייט, ווען די ענגלישע און האָלענדי-שע סוחרים, וועלכע האָבען זיך באַפ-

נען אין נאַרווע, פיהרענדיג גרויסע געשעפטען מיט די רוסישע שטעדט נאָווגאָראָד און פסקאָוו, האָבען גע-נאָסען גרויס חסד פון די הענט פון איוואַן דעם גרויזאַמען, האָט אָבער די רוסישע באַפעלקערונג פון נאַרווע גע-קראָפען אונטער דער בלוט-דורשטיגער האַנט, וואָס האָט זיך אויך פערקלענען אין נאַרווע און געגומען זיך צו דער הייליגער עבודה פון פייניגען און טוי-טען.

אַזוי ווערט דערצעהלט, אַז אין יאָהר 1570 איז געפאַלען אַ חשד אויף די רוסישע איינוואוינער פון נאַרווע, אַז זיי ווילען כלומ'שט זיך איבערגעבען צום פוילישען מלך, זיגמונט. דע-מאָלט האָט איוואַן דער גרויזאַמער ערפּעגעשיקט קיין נאַרווע איינעם פון זיינע בערנהמטע שראַף-פּאָריאַדען, וועלכע האָבען מיט זייערע שווערדען צוהאַקט טויזענדער מענשען, נישט אַי-בערקלייבענדיג פון אַלטע לייט, פרוי-ען און קינדער, צוריבט די גאַנצע שטאָט. אומגעברענגען און אַוועק. די אַפּשעהענגיש איז געקרוינט געוואָ-רען מיט דעם נאָמען „די נאַרוואַר בלוט-באָד פון איוואַן דעם גרויזאַמען".

נאַרווע'ן איז אָבער נישט באַשערט געווען צו פיהרען אַ רוהיג לעבען. זיי-ענדיג אַ ווילגייבער האַנדעלס - פּונקט, וואָס פערבינדט רוסלאַנד מיט די צפון-לענדער. האַרט ביים באַלטישען ים, האָבען די קאַמפען און מלחמות נישט אויפגעהערט. אַזוי ווערט פערציילט, אַז אין משך פון די לעצטע דריי הונ-דערט יאָהר איז די שטאָט צעהנדלי-גער מאָל אַריבער פון די שוועדישע אין די רוסישע הענט, און ביי יעדען מאָל איז די חורב געוואָרען און ווידער אויפגעבויט געוואָרען. ווען די רוסען האָבען צום לעצטען מאָל אין 18-טען יאָהר-הונדערט פּראָבירט די שטאָט איז זיך אויף שטענדיג פון געפעסטיגט, איז נאַרווע אויסגעקומען צו זיין דער פאַרגאַנג פון דער רוסי-שער הויפּט-שטאָט. די איינצעלנע יו-דען, וועלכע האָבען פון קרומגם איינ-

נעוואָנדערט דאָרטען און געלעבט צווי-שען אַנדערע, זענען פון די רוסען אַרויסגעשיקט געוואָרען. דער קליינער יודישער ישוב, וועלכער געפינט זיך הײַנט דאָרטען, באַשטעהט דאָס רוב פון בעלי מלאכות, וואָס שטאַמען כמעט אַלע פון די קאַנטאָניסטען, וועלכע האָ-בען באַקומען דאָס רעכט זיך צו באַ-זעצען דאָרטען נאָכ'ן אָפּדינען פינף און צוואַנציג יאָהר אין סאָלדאַטען.

אין יאָהר 1890 איז אין נאַרווע פאָרגעקומען די באַגעגנונג צווישען רוסישען קייסער אַלעקסאַנדער דעם דריט-ען און דעם דייטשען קייסער ווילהעלם דעם צווייטען, וועלכע האָבען דאָן געשלאָסען אַ פרידען צווישען זיך, פערשפּרעכענדיג זיך גרויס התקרבות.

לעצטענס, אין די מלחמה-יאָהרען, און שפּעטער פאַר די באָלשעוויקעס, איז יאָהר 1918, איז נאַרווע געווען דער אָנפאַנג פאַר אַ בלוט-באַד פון רויטען טעראָר, וואָס איז אָנגעפיהרט געוואָרען פון דעם באַרימטען „רוי-טען" אַטאַמאַן ציבענקאָן מיט זיין פּאַרטיי, וועלכער איז באַשטאַנען פון זעקס הונדערט מאַטראָסען. אַזוי האָט זיך געצויגען ביז דעם יאָהר 1919, ווען נאַרווע איז ערנומען געוואָרען פון דער ניי-באַפרייטער עסטאָניען.

אַזוי האָט זיך די געשיכטע פון דעם קליינעם שטעטל נאַרווע, וועל-כער עס איז באַשערט געווען צו איבער-לעבען אין איהר זיבען הונדערט-יאָה-ריגער עקזיסטענץ פּסדר'דיגע מלחמות, שריפות, הריגות און אַנדערע שרעקלי-כע איבערלעבענישען. שטעהט זיך אַזוי די שטעטעל אַ פערפרוירענע צוזוסענס פון טייך נאַרוואַ ביי דער רוסיש-עס-טישער גרענעץ. פיל מענשליכע קער-פּערס און בלוט האָט די טייך אין איהרע אָרימס אַפּגעטראָגען צום ים. פיל שרעקליכע בילדער האָט דאָס שטעטעל בויגעזעהן און איבערגעלעבט. ליגט די גאַנצע געגענט אַ שטומע אָרום אויסגעשפּרייט אין צוגראָבענע פעל-דער, ווי אין אויסגעזאָקטע קערבען; פליסט די נאַרווע אַ שטילע, אַ שווי-געדיגע איהר כסדר'דיגען איינטאָניגען וועג מיט דעם שטראָם. און ווער ווייס, וואָס פאַר אַ גאָך שרעקליכערע, שוי-דערליכערע זאַכען עס וואָלטען אונז דערצעהלט, ווען זיי זאָלען לשון באַ-קומען, אַם די שטומע עדות פון אַזוי פיל מוראדיגע, בלוטיגע יאָהרען.

—◆◆—

דער פערשטערטער שבת

(פון רבינ'ס מעשהלעך)

אַ זומערדיגער שבת ביינאַכט!

דער בעל-שם-טוב, וואָס האָט שטאַרק בהלאַפען פון „שינה בשבת תענוג" איז נאָר וואָס פון שלאָף אויפגעשטאַנען, איז פּאַמעליך אַראָפּ פון בעטעל, זיך געוואַשען די הענט און פנים, איז צוגעגאַנגען צו דעם געגענאיבערדיגען פענסטער, אויפגעשלאָסען דעם ווייסען פערהאַנגעל און מיט אַ האַסטיג באַ-וועגליכען בליק אַ קוק אַרויסגעטאָן. זיין בליק איז געפאַלען אויף די בלומען אונטער'ן פענסטער, וועלכע האָבען מיט די קאַלטע צוגעשאָקלט. איבערבוי-גענדיג זיך מיט זייערע שטיינגלעך און געוויגט זיך פאַר'ן ווינטעל. די ערד האָט נאָס געבלישטשעט. עס האָט גע-הערשט אַ קלאָר פרישקייט פון דעם אָפּגעשוואַכטען קלאָהרען זאַמד — נאָך דעם אָקאָרשטיגען רעגען.

פאַר דעם פענסטער האָט זיך ווי אַ וויגט פערבייגעשליכט „אַלעקסיי דעם בעל שמס", דערזעהט דיך דעם „ראַבין" — האָט ער זיך אַ ווייליגקע אָפּגע-שטעלט, אַ בליק געטאָן, האָט עפּעס אונטער זיך וואָס אַרויסגעברומט, און איז אַוועק.

עס איז שוין געוואָרען פּאַרנאַכטלעך, און רבינ'ס הויף האָבען זיך חסידים פערזאַמעלט, חסידים מיט יאַרמולקעס און שרייבעלעך, אויך אַ פּראָסטער עולם בעלי-מלאכות, וועלכע זענען גע-שטאַנען מיט שטאַרקע אויסגעגלאָצטע אויגען און געוואַרט, אַז דער רבי זאָל אַריינקומען אין לערן-חדר. און יונגע-לייטלעך האָבען זיך אַרומגעדרעהט מיט אַראָפּגעלאָזטע גאַרטלען און פונאַנדער-געפּענטע פּאָלעס, האָבען זיך שטיל געשושקעט איינער צום צווייטען. זיי

האָבען זיך געוואונדערט, וואָס דער רבי זאָמט זיך דאָסמאָל לענגער ווי אַ-לעמאָל אין דער צייט. און ר' דוד ליי קעס האָט עפּעס אַ מאָרט אַריינגעוואָר-פען צווישען עולם, ער האָט זיי אויפ-מערקזאַם געמאַכט, וואָס „אַלעקסיי" פאָרעט זיך שטאַרק אַרום דער ברישט-קע, מ'קען צורעכט דאָס שפּאַן געצייג, ווי ער וואָלט זיך גרייטען צו אַ היי-פער נסיעה...

אויף אַ נסיעת אויסער מעדזיבוש האָבען די תלמידים תמיד געוואַרט מיט גרויס ניינגעריגקייט, ווייל יעדעס מאָל ביי אַזאַ נסיעה האָבען זיי שוין עפּעס געזעהן, געהערט און וואָס אָפּ-געלערנט... דאָס מאָל איז אָבער זיי אויס געקומען די זאַך פּלאַמריק, ווייל דער מנהג פון בעל שם איז אַלעמאָל געווען מודיע צו זיין די תלמידים וועגענסטאָגס מיט אַ טאָג פריהער וועגען אַזאַ נסיעה, כדי זיי זאָלען זיך מכין זיין. און דאָ ווייס שוין אַלעקסיי פריהער פאַר זיי!

וועגען דעם בעל-שם'ס שטענדיגען קוטשער אַלעקסיי, אָדער ווי מען האָט איהם משום גערופען „אַלעקסיי דעם בעל-שם'ס" ווערט אין דער חסידישער אגדה אַרויסגעזאָגט פערשידענע מיינונג בען און השערות. אַ טייל ווילען האָ-בען, אַז אַלעקסיי איז געווען אַנ'אוי-סערגעוויהנליכער מענש שוין אַליין דעם אַליין, וואָס ער האָט געהאַט די גרויסע זכיה צו זיין אַ משרת ביים בעל-שם, און וועלכער פלעגט מיט-מאַכען דעם בעל-שם'ס אַלע געוועהנלי-כע און אויסערגעוועהנליכע נסיעות. אַ

טייל זאָגען אָבער פערקעהרט, אַז אַלעק-סיי איז געווען אַ פּשוט'ער חי-ורקים און האָט אפילו ניט געהאַט צייטענ-ווייז דעם „פּרונק". אָבער גראָד די פּשוטקייט זיינע, וואָס האָט דערגרייכט ביז צו דער מדרגה פון אַ בעל-חי, איז געווען פּערדעכענט ביים בעל-שם פאַר אַ גרויסע מעלה, ווייל די מדה פון „ידע שור קונהו" איז ביי איהם געווען אַנטוויקעלט ביז צו דער העכ-סטער מדרגה אויף אַזוי פיל, אַז גאָר אַ קוק טוענדיג, האָט ער יעדעס מאָל געקענט לייענען פון בעל-שם'ס פנים אַראָפּ, אַז דער „ראַבין" גרייט זיך צו אַ נסיעה...

אַז דער בעל-שם איז ענדליך אַרויס-געקומען צו זיינע תלמידים, איז זיין פנים געווען פערכמאַרעט, פון זיינע טיפע אויגען האָט עפּעס אַ סוד אַרויס-געקוקט... אַלע תלמידים האָבען זיך מיט אַ מורא'דיגען ערנסט צוגעהערט צו דער תורה...

באַלד נאָך דער הבדלה האָט דער בעל-שם מודיע געווען, אַז „מ'פאָר אַהרען"..

דער בעל-שם פלעגט אַלעמאָל היי-סען אַלעקסייען זיך זעצען מיט'ן רוקען צו די פערד, כדי ער זאָל נישט זעהן ווי די פערד מאַכען קפיצת הדרך... דאָס מאָל האָט אָבער דער בעל-שם גאָר נישט געזאָגט. אַלעקסיי האָט זיך געזעצט מיט'ן פנים צו די פערד און די תלמידים האָבען דערפון געדרונגען, אַז די דאָזיגע נסיעה וועט זיין אַ לאַנ-גע. זיי האָבען זיך געמאַכט כלא ידע, און אָנגעהויבען אַ שמועס ווי געוועהנ-ליך אין דברי-תורה.

דער בעל-שם האָט פון צייט צו צייט

פריינגעוואָרפען אַ וואָרט, וואָס האָט גלייך אַרויסגערופען אַ גרויסען ויכוח צווישען די תלמידים, וועלכע האָבען גענומען אויסטייטשען יעדען אות בע-זונדער און יעדער אויף זיין אופן האָט דערפון אַרויסגעדרונגען פערשידענע רמזים און פירושים.

די נסיעה איז געווען זעהר אַ לאַנ-גע, און ערשט אויפ'ן דריטען טאָג האָ-בען זיי דערזעהן, אַז זיי געפינען זיך אין מיטען פון אַ געדיכטען וואַלד, און אַז זיי האָבען זיך פערבלאָנדזשעט. אָ-בער דער געדיכטקייט פון וואַלד האָ-בען זיי קיין שום ליכטיקייט נישט גע-זעהן. זיי האָבען אַזוי געבלאָנדזשעט ביז פרייטאָג. דער בעל-שם האָט גע-האָט פיל עגמת נפש וואָס ער וועט נישט האָבען וואו צו רוהען שבת. נאָך אַ האַלבען טאָג איז עפּעס ליכטיגער געוואָרען, זיי זענען אַזוי געפאָהרען, ביז זיי האָבען דערזעהן אַ שטוב, האָ-בען זיי דערזעהן איינעם אַ מאַן, וואָס לויט זיין הילוך און אַניסזעהן האָט ער זיי אויסגעוויזען צו זיין זעהר אַ פער-גרעבטער. ער איז געשטאַנען באָרוועס, מיט אַ רויטען דערהיצטען פנים ווי ביי אַ טערק, די העמד איבער די הוי-זען און מיט אַ ברייטען שטרויענעם קאַפּעליוש איבער'ן קאָפּ. זיי האָבען ביי איהם געפרעגט, אויב זיי וואָלטען קע-נען האַלטען ביי איהם שבת! ער האָט זיי געענטפערט, אַז ער וויל נישט זיי זאָלען זיין ביי איהם שבת, ווייל ער האָט פיינט די חסידים מיט זייערע מאָדנע תנועות און לאַנגען דאַווענען. זיי האָבען איהם געפרעגט: אַ'שר איז ער-געץ וואו דאָ אַן אַנדער אַכסניא נישט ווייט פון דאַנען, אַזוי אַז עס דאַרף זיי נעהמען אַ גאַנצע וואָך דאָס פאָהרען ביז דאָרטען. נאָר נאָך לאַנגע בקשות מצד דעם בעל-שם, וועלכער האָט איהם פערשפּראָכען צו באַצאָהלען אַ גרויסען

דער שירם / ערצעה-לונג / פֿון אָסיפּ דימאָוו

עס איז שוין געוואָרען שפּעט, אָבער דאָך פֿריהער פֿון דער שעה, אין וועלכער ער האָט געמיינט צו קומען אַהיים. דאָס געשעפֿט מיט זײַן באַקאַנטען האָט זיך געענדיגט אין אַ גוטער שטימונג און מיט גוטע רעזולטאַטען: דאָס געשעפֿט, פֿון וועלכען ער האָט דערוואַרט צו מאַכען אַ פּאָר דאָלאַר, איז אָפּגעשלאָסען געוואָרען און ביידע צדדים זײַנען געווען צופֿרידען.

— הייסט עס: אָפּגעמאַכט!

— אָפּגעמאַכט!

ער האָט געדריקט די האַנד פֿון זײַן צוקונפֿטיגען פּאַרטנער, — געוואונשען איהם אַ גוטע נאַכט. און איז אַרויס אויף דער גאַס.

ער האָט געוואָלט וואָס פֿריהער דערגרייכען די פֿרעהליכע נײַעס צו זײַן ווײַב. זי וועט זיך דערפֿרייען! איצט וועט זי קענען זיך אײַנקויפֿען שיינע קליידער, זײַדענע שטרימפּ, וואָס ז'ליבט, אַוועקפֿאָהרען צום ברעג ים אָדער די בערג, און אַ שיינעם רייכען מאַנטעל, מילא וואָס מען קען אויפֿטון מיט'ן דאָלאַר, אַז מען האָט איהם. און אָט האָט ער איהם. ס'איז כמעט ווי בײַ איהם אין קעשענע.

עס האָט אָנגעהויבען צו רעגענען; צוערשט גאַנץ לאַנגזאַם און דערנאָך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. גלימער האָט אויפֿגעשטעלט זײַן קאָלנער (צו וואָס אײַגענטליך מען טוט עס — האָט ער קיינמאָל ניט פֿאַרשטאַנען, אָבער גע-טון האָט ער דאָס, ווײַל אַנדערע האָ-בען אַזוי געטאָן) און בעגונען לויפֿען צום טראַמוויי. אָבער ס'איז געווען צו ווייט.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט און זיך דערמאָנט, אַז דאָ אין דער נעבען וואוינט זײַן גוטער פֿרײַנד — מען קען אָפּ-זאָגען: זײַן חבר הערי לאַקס, אַ איינזאַמער, אַ פֿרעהליכער פֿרײַער פֿוי-געל, וואָס האָט אַזוי שיין געקענט רעדען פֿון ליבע און בלישטשען מיט זײַנע שוואַרצע אויגען. גלימער האָט זיך ניט געקאָנט צוריקהאַלטען פֿון אַ שמייכעל, פֿאַרטראַכטענדיג וועגען דעם דאָזי-גען יונגען לעבעמאַן. דאָס איז שוין איינמאָל אַ דאָן-זשואַן! אפֿשר אַרײַנ-געהן צו אים? אָבער וואָס! וועט ער דען זיצען אין דער היים אין אַוונט? און אויב שוין יאָ אין דער היים — איז ער דאָך זיכער ניט אַליין — טאָר מען איהם דאָך ניט שטערען. ניין, בעסער לויפֿען אַהיים.

דער רעגען האָט אָנגעהויבען גיסען נאָר שטאַרק. גלימער האָט דערזעהן אַ טעקסי, וועלכע איז געשטאַנען אויף דעם ראָג פֿון גאַס. דער שאָפֿער איז געזעסען אַ גאַנץ פֿאַרשלאָפֿענער: מען האָט געזעהן, אַז ער שטעהט שוין דאָ אַ היבש ביסעל צייט און וואַרט אויף אַ פּאַסאַזשיר. גלימער איז ניט גע-וואוינט געווען פֿאָהרען אין טעקסיס און האָט געוואָלט דורכגיין פֿער-איבערגעהן, אָבער דאַ האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער וועט דאָך באַלד רייך ווערען — דאָס הייסט אַזוי רעדט זיך: רייך — אָבער אַ טעקסי — פֿאַרוואָס קען מען ניט נעמען אַ טעקסי — אין ספּעציעל נאָך אין אַזאַ רעגען.

גלימער איז צוגעקומען צו דעם שאָ-פֿער, געזאָגט דעם אַדרעס און זיך אַרײַנגעזעצט. דער שאָפֿער האָט שווײַ-גענדיג איהם אויפֿגעמאַכט, צוגעשמיסען די טיר און די מאַשין האָט אָנגע-הויבען גיין.

גלימער האָט זיך בײַיעם געמאַכט, אויסגעשטרעקט די פֿיס, צעשפּרייט די הענט — און זיך אָנגעשטויסען אין דער פֿינסטער אויף אַ שירם.

ער האָט זיך דערפֿרייט — ניט דערפֿאַר, חלילה, וואָס ער האָט זיך געשטויסען אין אַ שירם — נאָר פֿשוט דערפֿאַר, וואָס אַ מענש פֿרעהט זיך שטענדיג ווען ער געפֿינט עפּעס. ער בעטראַכט עס אָן ווי אַ גוטען סימן, אַז דער שיקזאַל און די געטער זײַנען פֿרײַנדליך צו איהם. אין טעקסי: איז עס ניט געווען אַ גוטער צייכען? נאָר-וואָס פֿאַרענדיגט אַ גוט געשעפֿט אין בעסער און פֿריהער ווי ער האָט עס געמיינט און אָט — געפֿונען, אַ שירם.

— אַז עס געהט, געהט עס שוין אין אַלעמען, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן און גענומען באַטראַכטען דעם שירם, וועלכען די געטער האָבען איהם צוגע-שיקט.

אַ דאַמען-שירם, אַ גלויזער, מיט ווײַסע בראַנגען, אַ מאָדנע דיק הענטעל, מיט אַ ריינג — וואו האָט ער געזעהן אַזאַ שירם? פֿאַרשטעהט זיך, אַזעלכע שירמס זײַנען דאָ אַ סך, אָבער פֿאָרט, דער דאָזיגער איז איהם באַקאַנט. עס איז דאָך ניט קיין אייגענאַרטיגער שירם, וואָס מען קען קויפֿען פֿאַר אַ צוויי דאָ-לאַר — ניין, דאָס איז אַזוי צו זאָגען, אַ לוקסוס-שירם און זײַן ווײַב, עני, וואָלט זײַן זעהר צופֿרידען, ווען ער וואָלט אַרײַנטראָגען צו איהר דעם דאָ-זיגען שירם. אָבער, וואַרט, זײַן ווײַב האָט דאָך אַ שיינעם שירם, ער אַליין האָט איהר דאָך געקויפֿט צו איהר גע-בורטסטאָג. יאָ, יאָ, אַזאַ שירם, האָט זי, פּונקט אַזאַ — דערפֿאַר קומט איהם פֿאָר, אַז ער האָט שוין וואו עס איז איהם געזעהן.

גלימער האָט נאָכאַמאָל גאַנץ אויפֿ-מערקזאַם בעטראַכט דעם שירם. יאָ, פּונקט אַזוי זיהט אויס אויך דער שירם פֿון זײַן פֿרוי. אַ שאַד, וואָס וועט עני טון מיט צוויי גלייכע שירמס? וואַר-טען ביז איינער וועט קאַליע ווערען? אַ שאַד! איינמאָל שוין יאָ געפֿונען אַ שירם, איז פּונקט אַזעלכען, וועלכען מען דאַרף ניט.

און פּלוצים איז איהם אײַנגעפֿאַלען אין קאָפּ אַ גאַנץ מאָדנער, מען קען זאָ-גען אַ משוגע'נער געדאַנק: דאָס איז א חוץ שירם, דער שירם פֿון זײַן ווײַב. אָבער ווי אַזוי קומט ער אין דער טעק-סי? ערשטענס, פֿאָהרט עני ניט אַרום אין טעקסיס. און צווייטענס, זיצט זי דאָך איצט אין דער היים און האָט זיך געוויס ניט געקליבען אַרויסצוגעהן. און פֿאָרט — עס איז פֿאָרט איהר שירם.

דער נאַרישער, דער משוגע'נער גע-דאַנק לאָזט איהם ניט אָפּ און ער טראַכט: ווי אַזוי איז פֿאָרט מעגליך, אַז זי איז געפֿאָהרען אין דער דאָזיגער טעקסי און האָט פֿאַרגעסען דעם שירם?

פֿאַרשידענע קאָמבינאַציעס דרעהען זיך בײַ איהם אין מח. עס קען זײַן, אַז מומע בריינע האָט ווידער טעלע-פֿאָנירט, אַז איהר איז שלעכט און האָט געבעטען באַלד קומען. אַ שוואַ-כע, אַ ג'עלעל פֿרוי, עטליכע מאָל האָט עס דאָך אַזוי פּאַסירט. עני האָט גענו-מען אַ טעקסי און אין אײַלעניש האָט זי ניט באַמערקט ווי זי האָט איבער-געלאָזט איהר שירם. יאָ, יאָ, אַזוי האָט דאָך געקאָנט פּאַסירען. פֿאַרוואָס נישט? וואַרט נאָר אויס... די בעסטע זאַך איז דאָך פֿרעגען דעם שאָפֿער.

— איהר קומט איצט פֿון ב.? — האָט גלימער געפֿרעגט דעם בחור.

— וואָס? וואָס?

דער פּאַסאַזשיר האָט ווידערהאָלט זײַנע ווערטער העכער.

— פֿון ב.? — האָט געזאָגט דער שאָפֿער, — ניין, איך בין ניט גע-ווען אין ב.

— נישט איז נישט! — האָט צו זיך אַליין געזאָגט דער פּאַסאַזשיר: — אין די גאַנצע זאַך ניטאָ מעהר ווי פֿאַנטאַ-זיע. וויפֿיעל אַזעלכע שירמס זײַנען פֿאַראַן אין ניו-יאָרק?

ער האָט זיך בערוהיגט אויף אַ פּאָר מינוטען. אָבער פּלוצים ווידער אויפֿגעוואַכט דאָס פֿאַרדרייטע געפֿיהל און אַ פֿרעג געטאָן דעם שאָפֿער:

— וואו זענט איהר געווען, אַז ניט אין ב.?

דער שאָפֿער האָט געשוויגען און דערנאָך געענטפֿערט:

— צו וואָס דאַרפֿט איהר דאָס וויסען?

— גלאַט אַזוי, — האָט דער פּאַסאַ-זשיר געענטפֿערט, — מיר דאַכט זיך, אַז איך בין געפֿאָהרען מיט אײַך אין ב.

— ניין, — האָט דער שאָפֿער זיך פֿאַרענטפֿערט. — איך שטעה שוין דאָרט אויף דעם ראָג, וואו איהר האָט מיך געדונגען כמעט אַ גאַנצע שעה.

— איז ניט מיט אײַך געפֿאָהרען אַ דאַמע?

— ניין, אַ פּאָרל, אַ דאַמע מיט אַ יונגערמאַן, — האָט געזאָגט דער שאָ-פֿער.

„ניט מײַן ווײַב", האָט אַ טראַכט געטאָן גלימער.

— דאָס פּאָרל האָט מיך געדונגען אויף דער זעלבער גאַס, וואו מיר האָ-בען איצט און מיך געהייסען פֿאָהרען טאַקע אויף דער גאַס, וואו איהר האָט מיך געדונגען.

— געדענקט איהר ניט דעם נומער פֿון דעם הויז, וואו איהר האָט זיך אָפּ-געשיידט מיט דעם פּאָרל?

— זיכער, געדענק איך. דאָס איז געווען נומער 26.

אַלע נומערען אין דער וועלט האָט געקאָנט רואיג אויסהערען דער פּאַסאַ-זשיר, נאָר נישט נומער 26, ווײַל אין דעם הויז האָט געוואוינט זײַן פֿרײַנד — מען קען זאָגען זײַן חבר, דער לעבע-מאַן, דער דאָן-זשואַן.

מעהר האָט דער פּאַסאַזשיר גאָרנישט געפֿרעגט און גאָרנישט גערעדט. ער איז געזעסען גאַנץ שטיל אין דער פֿינס-טערער טעקסי און האָט געטראַכט. דעם שירם האָט ער געהאַלטען אין דער לינקער האַנד און עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז ניט קיין שירם נאָר אַ שווער שטיק אײַזען.

די טעקסי האָט זיך אָפּגעשטעלט. גלימער האָט בעצאָהלט וואָס ער איז געווען שולדיג און האַלטענדיג דאָס שטיק אײַזען איז ער אַרויפֿגעגאַנגען צו זיך אין זײַן וואוינונג.

קיינער איז ניט געווען אין דער וואוינונג — אַזוי האָט ער שוין געוואוסט פֿריהער. אָבער אין אַ האַלבער שעה שפּעטער האָט ער דערהערט ווי אימי-צער עפֿענט זיך בײַ דער אַרײַנגאַנגס-טיר און דערנאָך לייכטע שנעלע ווײַ-בערישע טריט. עני, זײַן ווײַב, איז אַרײַן אין צימער.

— דאָס ביסטו? — האָט זי אויסגע-רעדט: — אַזוי פֿריה. דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו קומסט שפּעטער.

— יאָ, געקומען פֿריהער, — האָט ער געענטפֿערט און געקוקט אויף איהר, ווי ער וואָלט זי געזעהן צום ערשטען מאָל אין זײַן לעבען.

— פֿאַרשטעהסט? — האָט זי אָנגע-הויבען: — מומע בריינע האָט טעלע-פֿאָנירט, אַז זי פֿיהלט זיך שלעכט און געבעטען באַלד קומען. האָב איך גע-נומען אַ טעקסי און אַוועקגעפֿאָה-רען קיין ב. איצט איז איהר שוין בע-סער. אין דער טעקסי האָב איך אָבער פֿאַרגעסען דעם שירם — דעם שיינעם שירם, וואָס דו האָסט מיר געשאָנקען. אַזאַ שאַד. אפֿשר קען מען איהם נאָך געפֿינען?

— אָט איז דײַן שירם. איך האָב איהם געפֿונען, — האָט געענטפֿערט גלימער און צוגעטראָגען צו איהר דעם שירם — דאָס קאַלטע שפּיץ אײַזען.

——••——

מקח פֿאַר אַלץ, האָט זיי וועלען עסען, האָט ער אײַנגעווילעט, זיי זאָלען דאַר-פֿען פֿאַרבלײַבען ביז נאָך הבדלה, נאָר בתנאי, זיי זאָלען ניט הויך דאַווענען, כדי די ערלים זאָלען זיך ניט דער-שרעקען און אַנטלויפֿען פֿון שענק. און אויך זאָלען זיי ניט מאריך זײַן מיט'ן דאַווענען, ווײַל ער קען ניט וואַרטען מיט'ן עסען. דער בעל-שם האָט אויף אַלץ מסכים געווען.

אַז די גאַנצע כ' נפֿשות זענען אין שטוב אַרײַן, האָבען זיי זיך זעהר פֿאַרוואונ-דערט, זיי האָבען נאָך אַזאַ פֿערגרעס-טע מענשען ניט געזעהן. אין שטוב איז קיין מאָל ניט געווען קיין שטוהל, נאָר 4 שטעקעלעך זענען געווען אַרײַנגעקלאַפּט אין דער ערד און אויף זיי איז געלעגען אַ ברעט. מען האָט אויך ניט געזעהן קיין שום מענשען אין שטוב. קיין ווײַב, קיין קינד, קיין רינד, אפֿילו אַ כ'אָף איז אויך ניט גע-ווען אין שטוב. און בשעת דער בעל-שם מיט זײַנע תלמידים זענען אַוועק צום דערבײַאיגען טײַכעל זיך טובל זײַן לכבוד שבת איז דער בעל-אכסניא אויך געקומען צום טײַכעל און אָנגע-הויבען זיי שעלטען און זידלען, ער האָט זיי פֿאַרוואָרפֿען מיט שטיינער און זאַמד פֿון טײַכעל. די תלמידים האָבען שוין געוואָלט פֿאַרלאָזען דאָס אָרט און געהן אויף גאָר שבת צו בלײַבען, נאָר דער בעל-שם האָט זיי אָפּגעהאַלטען.

אַז עס איז נאַכט געוואָרען האָבען זיי געזעהן, אַז דער בעל אכסניא דרייט זיך אַרום דער שטוב, עסט פּרוכטען און טרינקט מיט'ן מויל. קיין עסען האָ-בען זיי ניט געזעהן, מען זאָל צו-גרייטען אויף שבת. בעפֿאָר האָט דער בעל-אכסניא גענומען אַ ראַנגאַנשע האָט פֿאַרשפּרייט איבער'ן טיש פֿאַר אַ טיש-טוך האָט גענומען אַ לאַמפּ און אַ רייני-געטעלט אַ גאַנץ לייב. מנחה אין קבלת שבת האָט ער אָפּגעדאַוונט כהרף-עין. צוליב איהם האָבען זיי אויך געמוזט מקצר זײַן. געטרונקען האָבען זיי איהם געזאָגט „גוט שבת", האָט ער אַפֿילו געענטפֿערט און אַז דער בעל-שם אַליין איז צוגעגאַנגען צו איהם און געזאָגט „גוט שבת" האָט ער געענטפֿערט „אַ שיינע רייניע כפּרה"... „שלום עליכם" האָט ער זיי אויך ניט געלאָזט זאָגען.

ער האָט תיכף גענומען אַ בעכער און געמאַכט קידוש. די גרייזען זענען גע-פֿלויגען, ווי די שפּענער. ער האָט זיי געזאָגט, אַז זיי וואָלען שוין יוצא זײַן מיט זײַן קידוש.

זיי האָבען איהם געבעטען אַ בשוועג-דערען ביסעל משקה אויף קידוש האָט ער בשום אופֿן ניט געגעבען. ער האָט געבראַכט אויס'ן טיש גרויסבעלייגטע אַ שטיק שוואַרץ ברויט, האָט עס צושני-טען און זיי געטיילט פֿערצעהנטעס ווייט. זיי האָבען איהם געבעטען לחם-משנה האָט ער אויך זיי פֿאַרגעשטעלט אַ פּאָר אויגען ווי ער וואָלט זיי געוואָלט אײַנ-שלינגען. ער האָט דערלאַנגט פֿאַר יעדען אַ שיסעלע מיט קרעפּלעך, מיט גרויסע האַלבערנע לעפֿעל און אַליין איז ער געזעסען אַנטקעגען איבער זײַן שיסעל און געלאַכט ווי אַ נאַכטשיבער פּראָסטער. מכוח האָט ער זיי קיין עסען ניט געגעבען, און האָט זיי אויך ניט געלאָזט זינגען קיין זמירות...

אויף מאָרגענס, ווי עס האָט נאָר אָנגעהויבען טאָגען, האָט דער מענש זיך גרויסגעדרעהט איבער'ן שטוב גערויסט און האָט גאָר טשאַפּטשאַווערט. צוליב איהם האָבען די אורחים געדאַרפֿט פֿרי אויפֿשטעהן און מקצר זײַן מיט'ן דאַווע-נען, כדי צו ענדיגען גלייך מיט'ן בעל-הבית. די סעודה איז געווען זעהר פּראָסט, זיי האָבען זיך אַלע מצער גע-ווען אָבער גאָרנישט געקענט העלפֿען.

אַז עס איז געקומען צו דער דריטער סעודה איז דער עלטערער פֿון די תלמי-דים ר' זאב קיצעס האָט זיך געדרייסט און איז צוגעגאַנגען צום בעל הבית בע-טען עסען. אַז ער האָט דער בעל הבית אַרויס מיט זײַן לשון, ער האָט געלעס-טערט און האָט זיי געוואָרפֿען פֿאַרטשעפּעס, האָבען זיי געמוזט יוצא זײַן מיט דער דריטער סעודה מיט דער תורה, וואָס זיי האָבען פֿאַרלערנט שפּעטערהיים.

בײַנאַכט האָבען זיי זיך געלייגט שלאָ-פֿען און ווי נאָר עס איז טאָג געוואָ-רען, האָט דער בעל-שם זיך געשטעלט דאַווענען, ווײַל דער בעל-שם איז קיין-מאָל ניט געפֿאָהרען פֿאַר'ן דאַווענען.

נאָכ'ן דאַווענען האָט דער בעל-שם בעצאָהלט דעם בעל-הבית פֿאַר אַלע הוצאות מיט גאָלדענע רענדלעך, נאָר דער בעל-הבית האָט פֿאַרלאַנגט די פּאָר און זיי ניט געלאָזט פֿאָהרען. ער האָט זיי דערקלערט, אַז ער איז ניט קיין רויבער, ער זאָל בײַ זיי נעהמען אומזיסט געלד.

ערשט מיט'ן פּרנסה זענען זיי פֿרײַ געוואָרען. און אַז זיי האָבען זיך שוין געזעצט אין פֿוהר אויף צו פֿאָהרען, איז פּלוצלינג אַרויסגעקומען פֿון שטוב אַ פֿרוי מיט אַ צאַרט-איידעלען פּנים און זעהר רייך געקליידעט. זי איז צו-געגאַנגען צום בעל-שם און האָט צו איהם געזאָגט: הייליגער רבי, איך פֿערלאַנג, אַז איהר זאָלט זײַן בײַ אונז דעם קומענדיגען שבת! האָט זיך דער בעל-שם זעהר פֿאַרוואונדערט און גע-פֿרעגט: פֿון וואַנען ווייסט, אַז איך בין אַ רבי? און אַז דו ווייסט שוין יאָ, טאָ פֿאַרוואָס האָסטו מיר געלאָזט מאַכען אַ פֿאַרשפּערטען שבת? און פֿאַרוואָס האָסטו זיך פֿריהער ניט גע-וויזען? די פֿרוי האָט געענטפֿערט: „איך קען דעם רבי'ן שוין פֿון לאַנג, ווײַל איך האָב אַמאָל געדינט בײַ אײַך. אויף מײַנע העצות האָט זיך אויסגעהאָ-דעוועט אייער מלמד הגדול. איך בין געווען אַ יתומה אין שטוב מאַמע. ערגעצט איהר אַמאָל רבי, ווי די רבי-צין פֿלעגט מיר אַלע פֿרײַמאָג צוזאָגען דעם קאָפּ. און איינמאָל האָט זיך גע-טראָפֿען, אַז איך האָב מיר ניט גע-לאָזט צוואַשען האָט די רביצין מיר אַ פּאַטש געטאָן אין פּנים און איהר רבי זײַט געווען קעגען אָבער און האָט עס אַלץ געזעהן און געשוויגען. דע-מאָלט האָט זיך למעלה דערוועקט אויף אײַך אַ גרויסער „קטרוג", ווײַל דער פּסוק זאָגט: „כל אלמנה ויתום לא תענון" און מיט צדיקים, ווי איהר ווייסט, איז מען נאָך מעהר מדקדק. האָט מען גע'פּסק'נט אין הימעל, אַז מען זאָל פֿון אײַך אָפּנעמען אַ טייל פֿון אייער „עולם הבא". און איצט זייט וויסען, רבי, אַז איך האָב תחינה גע-האָט מיט אָט דעם דאָזיגען מענשען, ער איז אַ פֿאַרבאָרגענער צדיק, איי-נער פֿון די ל"ו נסתרים. ער האָט דאָס מיר אַלץ דערצעהלט און אונז האָט די זאַך זעהר פֿאַרדראָסען און מיר האָבען געבעטען בײַ השי"ת און מיר האָבען געפּועלט, אַז דערמיט, וואָס איהר וועט האָבען אַ פֿאַרשטער-טען שבת, וואָס דאָס איז א „מעין" עולם הבא זאָלט איהר בעפֿרייט ווער-רען פֿון דעם האַרבען פּסק. און אַזוי ווי קיינער וואָלט זיך דאָס ניט אונ-טערגענומען אײַך גורם צו זײַן אַ פֿאַר-שטערטען שבת, איז געבליבען בײַ אונז, אַז מיר זאָלען עס טון און איצט וועט איהר צוריקבעקומען צו אייער „מדרגה" און „רוח הקודש", וואָס האָט בײַ אײַך אָפּגעפֿעדערט די לעצטע צײַט און איהר האָט ווידער געוואונען אייער חלק לעולם הבא...

די פֿרוי האָט זיי אַרײַנגעפֿיהרט אין אַ באַזונדערען חדר, וואו דער בעל-אכסניא איז געזעסען. ער איז שוין געווען געוואַשען דער זעלבינער און דעם שיין צונעקלײַבענעם חדר האָט זיך אַ פֿורות-פֿולע שטילקייט צוגעגאָסען. דער נסתר איז זיך געזעסען, אָנגעטאָן אַ ווײַ-סען ספֿר און געלערנט אין אַ זאַפֿטי-קען ניגון, און וועלכען עס האָבען זיך מלאָכים לײַבלאַך געגאָסען, האָט אויסגעפֿיהרט חדר געשטראַלט, זיי האָבען זיך אַלע לאַנג געזעסען. דער נסתר האָט גענומען אויסרופֿען אַלע תלמידים מיט זייערע נעמען: ר' זאב קיצעס, ר' דוד פֿון ניקאָלאַיעוו, ר' דוד לייקעס, בער מעזשעריטשער, און חזוי ווייסער, און האָט פֿאַר יעדען בע-זונדערס געזאָגט תורה. דער בעל-שם מיט זײַנע תלמידים זענען שוין דער-מאָן פֿאַרבליבען ביז אויף אַ צווייטען שבת, וואו זיי אַלע האָבען שוין דער-פֿיהלט דעם טעמ'ן תענוג פֿון גן עדן. געזאָגט צו זײַנע תלמידים, אַז ער פֿיהלט זיך איצט שטאַרק געשטיגען אין דער מדרגה פֿון רוח-הקודש...

מענדל יאַשטשעמישער.

סעזאָן.

אָנגעהויבען דער סעזאָן שוין
פון טעאַטער און קאָנצערט!
וואו דו קערסט זיך און דו ווענדסט זיך
שפּילען פרעהליך, הויך מען הערט...
קנאַקט דער דזשאַז באַנד מיט די פּויקען
ס'פּאַנפּעט הויך דער סאַקסאָפאָן...
ווינטען בלאָזען אויך אין גאַסען —
זאָגען אָן דעם הערבסט-סעזאָן.
ס'איז אָן־אָנזאָג, ס'איז אָן־אָנהויב
פון אַ גרױסען קאַרנאַוואַל,
פון אַ באַליזווען און טאַנצען...
ס'איז דער סוף פון בלעטער-פאַל.
אויך ביי אונז איז מיט סעזאָן שוין —
ס'איז אַוועק דער זומער גרין.
אָנגעזאָגט זיך אַ יאָהר מיט מזל,
און עס קומט דער יום-הדין...
אויך ביי אונז סעזאָן איז אָנגעטער,
דער סעזאָן. וואָס טרעהרען קאָסט.
דאָרטען בלאָזען סאַקסאָפאָנען,
און ביי אונז דער שופר בלאָזט...
דאָרט בײַלעטען, דאָ בײַלעטען —
הערבסט דעם זומער גיט אַ גט...
מילא, דאַרף מען אין בית-מדרש
קויפען גיכער אַ בילעט.
ס'איז דאָך ווערט אַ קוק טון, הערען,
ווי בימי השטרלסמאַן
קאָן געמאָלט זיין, עקזיסטירען
אויך אויף תשובה אַ סעזאָן!

אליבאבא.

ער האָט מורא.

צוויי היגע סוחרים זענען אַריין אין אַ קאָוואַרניע. איינער פון זיי האָט פאָרזיכטיג פערשטעקט זיין שירעם אונטער דער באַנק.

— דו האָסט מורא פאַר גנבים? — פרעגט איינער.

— ניין, — ענטפערט דער צווייטער פערלעגען. — איך האָב נאָר מורא, אַז עמיצער זאָל דעם שירעם ניט דער-קענען...

מיט דריי מעלות.

כ'האָב געבעטען ביים שדכן, ער זאָל מיר אויס'שדכנ'ען אַ ווייב מיט דריי מעלות. ערשטענס, זי זאָל אין דער געזעלשאַפט זיך קענען האַלטען ווי אַ גרויסע דאַמע, צווייטענס, זי זאָל אין דער קיך זיין אַ קעכין, דריטענס, זי זאָל אין די אַפּרוה-שעה'ן זיך קענען פערהאַלטען ווי אַ קאָקעט-קע.

דער שדכן האָט מיר אַ פרוי גע-געבען. זי בעזיצט טאַקע אַלע דריי מעלות, נאָר לויט אַ פערקערטען סדר: אין דער געזעלשאַפט איז זי אַ קאָ-קעטקע, אין קיך — אַ גרויסע דאַמע און אין די אַפּרוה-שעה'ן — אַנ'איינ-פאַכע קעכין.

ס'שטימט אויף אַ האָר.

אַ געוויסען קהלה-עסקן, וואָס האָט געלאָזט די „אפותיקי", האָט איינער געפרעגט: ספּייטש, ווי טוט איהר אַזאַ זאַך? ווי פּאַסט עס פאַר אַ פרו-מען יודען?

— וואָס איז דאָ די גוואַלדען, — האָט דער עסקן געענטפערט. — פריהער בין איך געווען אַנ„עוסק בצרכי ציבור באמונה". און לעצטענס בין איך גע-וואָרען אַנ„עוסק בצרכי ציבור בחיוגה"...

נעבעך.

פרוי: יעדעס מאָל, ווען דו דער-זעהסט אַ שעהן מיידעל, פערגעהסטו גאָר, אַז דו ביסט פערהייראַט.

מאַן: ביסט ניט גערעכט, טייערינ-קע: גראָד די שעהנע מיידלעך לאָזען מיך ערשט פיהלען, אַז איך האָב אַ תגיג!

אַהז אַ מזומן.

— די הערסט, כ'בין אַרומגעלאָפען אַ גאַנצען טאָג און ניט געקענט קיין „מזומן"?

— וואָס, אַזעלכע „פרייע" מענשען זענען דאָ ביי אייך?

— ניין, איך מיין, אַז כ'האָב ניט געקריגען קיין מזומנ'ים „גראָשען".

וויבער.

די מעה-טעה פרויען ניבען זיך אָפּ בער צו גאָס, ווען דער פייוועל וויל זיי שוין מעהר ניט האָבען.

*

אין ליבע איז נאָר דער אַ חויב שיין. און אין דען דאָריצער אַ וואונדער, וואָס מיר ווילען אַזוי גאַט אָנהויבען פונדאָסניי?

*

ווען אַ פרוי האָט אונז ליב, ווילט זי אונז מוחל זיין אפילו אונזערע עבֵירות; ווען זי האָט אונז ניט ליב, ווילט זי אונז ניט מוחל זיין אפילו אונזערע שעהנסטע מעלות.

*

עס מאַכט ניט, וואָס אַ פרוי מיט אַ בריטע הערץ האָט עפּליכע געליבטע: דער עיקר איז, אַז זי זאָל זיי אַלעמען פערבלייבען געטריי.

*

אין דער שול פון ליבע ווערט דער מאַן פרעמדענער, אָבער זעלטען קליגער.

*

ס'איז שאָד, וואָס די שעהנסטע און צויבערדיגסטע ליבעס זענען כמעט אַלע מאָל די טראַגישסטע!

*

ווי אָפט זענען די פרויען פערגלי-כען געוואָרען מיט בלומען. און מיט רעכט! כדי זיי צו ביגדען, מוז מען האָבען דראָט.

*

מען רופט די פרויען „דאָס זאַלץ פון דער ערד". אויב דער פערגלייך שטימט איז אונז שוין פערשטענדליך, פאַרוואָס אַזוי פיל מענער ווערען פערביטערט פון דאָרשט.

אַ פרעהליכע חתונה.

שמערל: וואָס פייערט אַזוי מלא שמחה?

בערל: כ'האָב חתונה געהאַט מיט אַ גרושה.

שמערל: איז וואָס איז עס די שמחה?

בערל: פערשטעהסט — די חתונה איז אויב פאָרגעקומען אין די ניין טעג, ווען מ'טאָר קיין פלייש ניט עסען — על-כן מיין איך, אַז זי וועט מיר ניט גריזשען — די ביינער.

דער מיטעלפונקט.

אַ פוילישער סוחר איז איינמאָל צו-ליב געשעפטען געקומען קיין דייטש-לאַנד, און האַלטענדיג שבת אין אַ דייטשער שטאָט איז ער געגאַנגען דאַוו-נען אין דעם אָרטיגען טעמפעל.

דער ראַבינער האָט געפרעדיגט און פאַר'ן אַחיימגעהן טרעפט אַ באַלעבאָס דעם פוילישען גאַסט, ווי עס איז איהם געפעלען דאָס פרעדיגען.

„כפתור ופרח! — האָט דער פויל-שער סוחר אויסגערופען. — מיט דער דאָזיגער פרעדיגט האָט דער ראַבינער מיר פערענטפערט אַנ'אַלטע קשיא. שלמה המלך רעכענט אויס אין קהלת פערשידענע געגענזעצליכע זאַכען, צווי-שען וועלכע עס איז דאָ אַ מיטעל-וועג. ער זאָגט נעמליך: „עס איז דאָ אַ צייט פון פרייד און אַ צייט פון טרויער". דער מיטעל-פונקט איז נאַטירליך דער נאָרמאַלער צושטאַנד. ווידער זאָגט ער: „עס איז דאָ אַ צייט צו ליבען און אַ צייט צו האַסען". נו, דאָ איז אויך דאָ אַ מיטעל-פונקט, נעמליך גלייכגילטיג-קייט. אָבער אויף דעם, וואָס ער זאָגט: „עס איז דאָ אַ צייט צו רעדען און אַ צייט צו שווייגען" איז מיר שטענדיג שווער געווען צו געפינען דעם מיטעל-וועג. אָבער איצט ווייס איך שוין, נעמ-ליך: „פרעדיגען".

גאַנץ דורכזיכטיג.

דאָס יונגע שיינע ווייבעלע, ערשט נאָך דער חתונה, איז אַריינגעקומען אין מאַנ'ס צימער, האַלטענדיג אין די הענד אַ גרויסען מאָדע זשורנאַל:

— זעהסט, הערשל — האָט זי גע-זאָגט, ווי מיין ניי קלייד וועט אויס-זעהן? דער אויבערשטער טייל וועט זיין פון דינעם שיפאָן, דאָס קליידעל אויך פון שיפאָן, אָבער אַ פיל דינערן, דער אײַנזאַץ אין פראָנט אַזוי צאַרט, אַז די הויט וועט זיך טאַקע דורכזעהן, און דאָס אונטערשטע קליידעל, — ווייסט, ווי איך וועל עס מאַכען?

— נו, מסתמא מיט אַ פענסטער'ל! — האָט דער מאַן בעמערקט.

ס'קומט ניט קיין שטראָף —

פאַר הצוגען זיך — אויס'ן האַלז פון אַ געלינבטער...

פאַר אוועק'הרג'ענען — די צייט.

פאַר גנב'ענען... זיסע קושען.

פאַר שיסען... מיט די אויגען צו שעהנע בלאָנדינקעס.

פאַר דערטרינקען אַ פריינט... אין אַ לעפעל וואַסער...

פאַר פערבאָרגען... גע'גנב'עטע הער-צער.

פאַר פערברענען... ליבע בריף.

צווישען חברים.

— כ'בין היינטיגע וואָך פיינגעווען אַנ'אומגליק ביי מיינעם אַ פריינד און כ'בין געווען צוגעריידט.

— איז דאָס מעגליך?

— יאָ, כ'בין געווען ביי איהם אויף זיין חתונה...

אַ טעות געהאַט.

— וואָס, די לעבסט נאָך? איך האָב דאָך געלעזען, אַז די ביזט געשטאָרבען.

— עי, דאָס איז געווען מיין טאַטע.

— דיין טאַטע? אָ, אי, אָ, — אַ שאָד!..

צו וואָס?

פאָטאָגראַף: ווילט איהר ניט, מאַ-דאַם, האָבען קיין פערגרעסערונגס-בילד פון אייערע קינדער?

פרוי: עס איז ניט נויטיג! די קינ-דערלעך וואַקסען, קיין עין הרע, פון זיך אַליין!

מיספערשטענדניש.

אין רעסטאָראַן:

גאַסט (צום קעלנער): ברענגט מיר תיכף נאָך אַ גלאָז ביר; איך וואַרט דאָ אויף אַ דאַמע.

קעלנער: העל אָדער טונקעל?

גאַסט (קוקט אָן דעם קעלנער בייז): וואָס געהט עס אייך אָן?

אַנדערש ווי אַלע רבנים.

ר' איטשעל סלאָנימער, האָט ניט מאריך געווען אין דאַווענען. ער פלעגט אויסשטעהן שמונה עשרה פריהער פאַר אַלעמען.

האָט מען איהם אַמאָל געפרעגט: ס'טייטש רבי, איהר געהט אויס אַזוי גיך שמונה-עשרה.

— איהר דאַרפט וויסען — האָט ר' איטשעל געענטפערט — אַז איך בין אַנ-דערש ווי אַלע רבנים. אַלע רבנים גע-הען אויס נאָך זייערע בעלי בתים: ביי מיר אָבער געהען די בעלי-בתים אויס נאָך מיר.

אין פלאַמען פון ליבע און האַס

(117

(ראָמאַן).

ווען פערעלע איז אַריין אַ צעטומעלטע און אַ בלאַסע, האָט זיך יהודית שנעל צו איהר דערנעהנטערט, און צוליי-גענדיג אַ פינגער צו די ליפען, האָט זי מיט אַ בעוועגונג פון קאָפּ אָנגעוויזען אויף דער טיר פון שכנישען צימער.

אַ לענגערע ווײַלע זענען ביידע געזעסען אָהן בעוועגונג, ניט קענענדיג אויסרעדען אַ וואָרט פאַר גרויס אויפרעגונג.

יהודית האָט מיט אַ בלייטשפעדער אָנגעשריבען עטליכע ווערטער אויף אַ פּאַפּירעל, און דערלאַנגט איהם פערעלען.

„היט זיך — האָט זי אָנגעשריבען — קאַרל הערט אונז אונטער. קורלאַנד איז געווען בעריכט. ער האָט דיר אָודאי גע-זאָגט, אַז קאַרל האָט אינטערבלייענט אונזערע ביידענס בריף".

פערעלע האָט אַ שאָקעל געטון מיט'ן קאָפּ, אַז יאָ.

און פלוצלינג האָט זי מיט אַ געענדערטער שטימע פאַר אונגעהייערער אויפרעגונג, אַ פרעג געטון הויך:

— דאָס האָסטו אַליין, יהודית, געשריבען צו מיר געלע-טען?... דאָס האָסטו געשריבען אַזוי פון דיין הייגענעם ווילען?

— יאָ... אָך!...

— האָסט ליב דרייווינצען?

— צי האָב איך דיר שוין ניט געזאָגט אַזוי פיל מאָל?

— און פונדעסטוועגען גלויב איך נאָך איצט אויך ניט דערין! ווי־אַזוי זאָל איך דיר גלויבען? דו האָסט געהאַט אַז איהם אַזאַ עקעל. איהר געבראַכט האָט דאָך דיך בלויז דער גע-פיהל פון נקמה... די האָפנונג, אַז איהם וועט טרעפען די

שטראָף!... און איצט?... צי איז דאָס מעגליך, אַז די זאָלסט ליב האָבען דעם מערדער פון מיין פאָטער?... אָמאָ דעם מוביל פאַר וועלכען עס געהט שטראַפען לוריע?...

— איך האָב איהם ליב!.. איך פערלאַכט זיך גוואַ, אָבער איהם האָב איך ליב!...

— יהודית, דאָס איז דאָך אומעגליך!... אומעגליך!.. דאָס איז דאָך אַ לעסטערונג!... די הערסט! — האָט פערעלע טערצווייפעלט אויסגערופען.

אָך, פערעלע... דיר דוכט זיך אַזוי, ווייל די ווייסט ניט, וואָס עס בעדייט אַזאַ געפיהל... ווייל די האָסט ניט ליב!.. ווייסט ניט, וואָס אַזוינס איז ליבע? דיין געפיהל צו גרעגו-אַר'ן איז אַ רוהיגער, און בעוועגט ניט מיט דיין הערץ!.. צי איז דען דאָס, וואָס איך האָב אָנגעפילט געפיהלט צו קורט'ן, געווען די ליבע!.. ווייס איך וואָס! דאָס איז געווען ניט מעהר, ווי ברידערליכע צוגעבונדענקייט... איצט איז גאַנץ עפּעס אַנדערש!.. אָך, פערעלע, די מעגסט מיך זידלען, מיט וואָס פאַר אַ ווערטער די ווילסט... איך בין אַ נידערטרעכטיגע!.. אָבער וואָס קאָן איך זיך העלפען, אַז איך האָב איהם פאָרט ליב? איך קאָן בשום אופן ניט בעהערשען אַזאַ שטאַרקען געפיהל! איך קאָן זיך ניט אונטערגעבען די כללים פון קלאָהרען, לאָ-גישען שכל! איך בין אונטערגעכאַפּט פון עפּיס אַ ריזיגע שטראָם, און בחנם איז מיין יעדער ווידערשטאַנד! צי מיינסטו, אַז איך פיהל אַליין צו זיך ניט קיין עקעל? צי מיינסטו אַז עס האָט מיך ווייניג אָפּגעמאַטערט דער געדאַנק, וואָס איך האָב ליב אַזאַ פערזעהניש? כ'ווייס, אפשר איז עס דערפאַר וואָס ער האָט מיך אַזוי משוגע ליב! די ליבע איז אַנשטעקענד!.. אָ, פערעלע, איך שעהם זיך, אַליין פאַר זיך, און איך בין עס ניט ווערט, די זאָלסט צו מיר רעדען!.. גיה זשע בעסער אַוועק פון מיר, און לאָז מיך איבער אויס'ן הפקר פון מיין בי-טערען גורל

יהודית האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, און מיט טרעה-רען און קול האָט זי פאָרגעזעצט:

— איך בין אַ פערשאָלטענע, ווייל איך בין פאָר אורטיילט צו טיילען דעם גורל פון דעם דאָזיגען מענשען! איך מוז טיילען מיט איהם זיין פערברעכען, און זיינע חרטה-געפיהלען!.. אין אויב עס זאָל נויטיג זיין, מוז איך איהם שיצען פאַר דער געפאַהר, וואָס בעדראָהט זיין פרייהייט און לעבען!..

— יהודית! יהודית! צי פון דיר הער איך עס?

— יאָ, פון מיר!.. מאַטער מיך ניט מעהר! דיין צושטעהן צו מיר מאַכט מיך אָנגעגעצען אויס מענש. זעהסט דאָך שוין אַז איך האָב זיך ניט געדאַרפט שפּילען מיט אַזאַ געפיהל, ווי ס'איז די ליבע — אָטאָ דער פלאַם, וואָס כאַפּט אַרום די נשמה און דאָס האַרץ!. איצט האָב איהם ליב, און אַלץ איז געענדערט! איך בין ניט די ערשטע פרוי, וואָס האָט ליב גע-קראָגען אַ פערברעכער, ניט אַכטענדיג אויף זיין פערברעכען! דער געפיהל פון ליבע קאָן עקזיסטירען מחוץ דעם געפיהל פון אַכטונג! און צי האָבען דען ביזל מענער ניט ליב אַזעלכע פרויען, וואָס זענען צפירוש פערדאָרבענע נפשות, שענדליכע בריאות, וועלכע זענען ניט ווערט דעם קרבן זייערען פון איידעלסטען געפיהל?.. איך האָב שוין ניט איינמאָל געטראַכט וועגען טויט... איך האָב געוואָלט פון זיך אַליין אַנטלויפען... און... און איך וועל אפשר טאַקע שטאַרבען... אָבער ניט איצט... שפּעטער... איצט פון איך זיין ניט מעהר, ווי אַ מתרנ'טען!..

— אָרימע, אָרימע שוועסטער מיינע!

— איך בין שוין ניט מעהר דיין שוועסטער! איך בין אַ פערשעלטעניש אָהן אַ נשמה, אָהן אַ גלויבען, אָהן געוויסען, אָזאַ נפש בין איך, וואָס דאָס לעבען טראָגט איהם אַוועק און שלעפט איהם דער טייוועל ווייסט וואו!.. פערגעס מיר, איך בעט דיך!.. שוין — אַ סוף־אַ סוף!.. זאָל איך שוין ניט עקזיסטירען פאַר דיר!.. איך בין ניט ווערט, די זאָלסט זיך דערמאָנען אָן מיר!.. בלייב געזונד, פערעלע!.. פערלאָז מיך!..

(פאָרטזעצונג קומט)

רעטשניצע (פֿאַר קומענדע קראַנקע)
פֿון דאָקטוירים ספּעציאַליסטן און ערצטליך רענטגענאָלאָגיש קאַבינעט
„SALUS"
גלובנא 41 טעל. 46-65.
איז טעטיג טעגליך פֿון 9 פֿריה ביז 8 אָוונט, זונטאַג פֿון 9 פֿריה ביז 1 נאָכמ.

ד"ר ז. ראַקאָווסקי	אויערן-האַלז און נאָז-קראַנקהייטן	פֿון 11—12
ד"ר לאַנדאַו	אינערליכע קראַנקהייטן	פֿון 1 — 2 און פֿון 5 — 7
ד"ר דינענזאָן	קינדער-קראַנקהייטן	פֿון 11—12 און 4.30—6
ד"ר ווייס	כירורגישע קראַנקהייטן	פֿון 1—2 און פֿון 6.30—7.30
„ שמערלאָווסקי	פֿרויען-קראַנקהייטן און אַקושעריע	2.30 — 3.30, 5.30—6.30 זונטאַג פֿון 12—1
„ ווילבערשטראַם	ווענערישע און געשלעכטס-קראַנקה.	פֿון 11.30—1 און 7—8
ד"ר גאָלדבערג	אויגן-קראַנקהייטן	פֿון 10.30—12.30
ד"ר גאָלדרינג	אינערליכע קראַנקהייטן	פֿון 11—12 און פֿון 3—5
צאָהן ארצט פֿרוי לאַנדאַו ס.ס. גאָלדבערג	צאָהן-און מויל-קראַנקהייטן	9.30—12 און פֿון 4—7, 12—2 און פֿון 7—8

קוואַרצלאַמפּ, דיאַטערמיע, איינשפּריצונגען, באַנקעס-שטעלן, אַלערליי אַנאַליזן, (ווי אורין, שפּײַעכץ, בלוט אז"וו) דורכלייכטונגען און רענטגען-אויפֿנאַהמען. קורס פֿאַר שוואַנגערע. געבורטס-הילף, אָפּעראַציעס פֿאַר די פֿערס. קינסטליכע ציין, קאָראָנעס, גאָלדענע בריקן, פּלאָמבן א. אז. וו. ספּעצ. קורס פֿאַר שוואַנגערע. וויזיטן אין שטאָט.
שוץ-אימפּונגען קעגן שמאַלאַכטן. 311

קינדער-וועגעלעך
מעבל פֿאַר קינדער; מאַטראַצן נעבעטן און צו מעבל בעטן. PATENT „בילוג און גוטע בעדינגונגען און
„DOBROPOL"
Piotrk. 73 (אין הויף)
וועמלי ... רעפּאַראַטורן ווערן אָנגענומען. 987

וויליסט האָבן שלום-בית און אַ נ'ענג יום-טוב
זאָגט פֿערנעס ניט דעם אַדרעס פֿון דער
פּאַרפֿומערי
17 פּיעטריקאָווער 17
„MODERNE"
וואָס עמפּפֿעהלט די בעסטע פּאַרפֿומען, אָדעקאָלאָן, פּודער און טואַלעט-זייפֿן. ווי אויך אַלע אַנדערע קאָסמעטישע אַרטיקלען
צו די ביליגסטע פּרייזן!
קאָטי-פּודער נאָר 2.75
באַמערקונג: אַזוי ווי עס האָט זיך ערלויבט אַ פֿירמע צו גאַראַנטירן מיט 500 זל. פֿאַר די עכטקייט פֿון קאָטי-פּודער (ד"ה אַז ס'איז דאָ פֿאַלשע) צאָהל איך פֿאַר יעדן פֿאַלשן שאַכטל קאָטי-פּודער 500 זל. און זאָל דאָס די געעהרטע קונדשאַפֿט נעהמען צו קענטניס, מיט אַכטונג
אינהאַבער: יעקב אָסטראָמאָגילסקי 972

לאַנגיעהריגער
קירזשנער-ווערקשטעל
L. ZUSMANEK PIOTRKOWSKA 19
Telefon 24-66
עמפּפֿעהלט צום קומענדער סעזאָן, פֿוטערס אין גרויסן אויסוואַהל לויט די נייעסטע מאָדעלן. נעהמט אָן אַלערליי אַרבייטן צו קאָנקורענץ פּרייזן. 851

H.STOLL&Co.
Reutlingen Württ.
אָריגינעלע לינקס-לינקס-מאַשינען,
זשאַקאַרד בונמוסטער-מאַשינען,
נעהערליכע שטריק-מאַשינען
מיט לײַכטע בעדינגונגען. פֿאָרשטעטער פֿאַר פּוילען:
Leon Friedmann i S-ka
ul. 6-go Sierpnia 3 (Benedykta) Tel 609.
אַ העלפֿט יעצטיגן און אַ העלפֿט נעקסטען סעזאָן צו צאָהלען. אַלע טיילונגען זענען וואָס צו בעקומען. 585

רעזט אויפֿמערקזאַם!
נאָך אַ פֿולשטענדיגער רעאָרגאַניזאַציע פֿון מיין ווערקשטעל, עמפּפֿעהל איך די ג' קונדשאַפֿט פֿון אַנגענער אויסאַרבייטונג אין
אַ גרויסן אויסוואַהל
געבעטע שטיהל
נקדערט מיט לעדער, גאָבעלין, מאַראָקאָ, זאַמעט, ווי אויך גאָבעלין און זאַמעט-כאָזעטקעס, מאַטראַצן
פֿון פֿאַרשידענע פֿאַרמען, מישען און מישלינג (פֿון 15 זל.) גאַנדאַלינעס
אַמאַנזשאַנס אַלעס לויט פּאַריזער מאָדעלן פֿון גאַנץ טרוקן האָלץ.
לאַנגטערמינירטע גאַראַנטיע. לאַנגטערמינירטע גאַראַנטיע.
צוגענגליכע פּרייזן און בעסטע בעדינגונגען.
בעפֿאַר איהר קויפֿט, בעט איך אויפֿמערקזאַם צו בעזוכן און זיך איבערצייגן. מיט אַכטונג
י. א. וואַיטשעכאָווסקי
10 נאַוואַמיעסקאַ 10

Dr. M. Kerszner etc.

Dr. H. WOŁKOWYSKI
צוריקגעקעהרט.
זאַכאַדניאַ 57 (צענטלב.19)
טעלעפֿאָן 37-70.
ספּעציאַל-אַרצט פֿאַר הויט-און ווענערישע קראַנקהייטן, מענער-שוואַכע, בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען.
נעהמט אָן פֿון 8—4 און אָוונט. פֿאַר פֿרויען פֿון 4—5 און אַ ספּעציעלן וואַרט-זאַל. 603

Dr. med.
M. Kerszner
קינדער-קראַנקהייטן.
זיעלאַנאַ 16 טעל 51-96
נעהמט אָן פֿון 3 — 4 און פֿון 6—7. און דער רעטשניצע ברזשעזשינער 11 פֿון 9—12 מיטאָג און פֿון 4—5 נאָכמיטאָג.

Dr. med.
H. Lajchter
קאָנסטאַנטינער 9
רוג זשעגאָרזשע טעל. 39-66
צאָהן-כירורג
צאָהנע, פֿון כירורגישע קראַנקהייטן אין מויל, קינסטליכע ציין, ... צאָהן-פֿילונגען א.ז.וו. נעהמט אָן פֿון 1½—5 און פֿון 9—11.

Dr. med
G. GERSZTAJN
צוריקגעקעהרט
ספּעציאַל-אַרצט פֿאַר אויגן-קראַנקהייטן
Traugutta 12 (קרוטקאַ)
נעהמט אָן פֿון 12³⁰ ביז 2, פֿאַר אונבעמיטעלטע פֿון 7 ביז 8 אָוו.

בעפֿאַר איהר נעהמט קויפֿן מעבל, בעט איך אנצוזעהן מיין

מעבל-
אויסשטעלונג
זאַכאַדניאַ 66, טעלעפֿ. 34-25 ביי
L. Salomonowicz
וויל בײַ מיר קען מען קויפֿן קאָמפּלעט-איינגעריכטונגען און פּראַקטישע צימער, ווי אויך איינצעלנע מעבל-שטיק צו מעסיגע פּרייזן אויף גוטע בעדינגונגען. פּונקטליכע און רעעלע אויסאַרבייטונג.

לשמוע אל הרנה ואל התפלה.
פֿערגעסט ניט מתפללים, אַז אַזוי ווי תמיד וועט אויך היי יאָהר געדאַווענט ווערן אין זאַל „קאָלאָסעאום" זאַכאַדניאַ 53 מיט'ן בעריהמטען חזן
בנימין קיהן
— — מיט אַ גוטן — —
אײַנשטודירטען כאָר
דער זאַל איז רעמאָנטירט. עלעקטרישע בעלייכטונג און אַלע בעקוועמליכקייטן.
בילעטן ווערן שוין פֿערקויפֿט פֿון 9 פֿריה ביז 10 אָוו. בײַ דער קאַסע פֿון זאַל צו נידריגע פּרייזן.

Dr. RABNIOWICZ
3 ZIELONA 3 639
צוריקגעקעהרט.

קימפּעטאָרין — כירורגישע
קליניק
פֿון די דאָקטוירים שאַרלאָטאַ-אײַנעראָוואַ, רײַטלער-קוריאַסקאַ, מיכאַל קאַנטאָר, און י. בוים.
לאָדז, אַנדזשעיאַ 10, טעל. 13-57.
I. און II. קלאַס.
אַמבולאַטאָריום. 821

רעטשניצע „זדראָוויע"
פֿון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטן
אויף נאַוואָמיעסקאַ 3 (וואָסכאָדניאַ 13), טעלעפֿאָן 76 37.

אויגן קראַנקהייטן	ד"ר קראַוש / ד"ר סלאַבאָדסקי	3-4 זונטאָג 10½-11½ / 10½-12 זונט. 12-1.
נערווען-קראַנקהייטן	ד"ר בראַניסל. פֿרענקעל / „ קלאָזענבערג	12½-1½ חוץ פֿרייטאָג / 11-12 חוץ פֿרייטאָג
מאָגען און קישקע קראַנק.	ד"ר אַלהסנד. מאַרגאַליס	12-1, זונטאָג 12-1
אינערליכע קראַנקהייטן	ד"ר גיביאַנסקי / „ קאַץ / „ לעווי / „ מאַי הענריק	9½—11½ זונטאָג 9½—11 / 12—2 זונטאָג 11—12 / 3—4½ זונט. 1—2 / 10 — 11 זונטאָג 12—1
קינדער קראַנקהייטן	ד"ר סאָלאָוויטשיק אָרק / „ מאַשלאַנקאַ / „ פּרעכנער	10½—12 3—5 ז. 12—2 / 1½—2½ זונט. 10½—12 / 5—6½ זונטאָג 9—10½
כירורגישע קראַנקהייטן	ד"ר גאָלדמאַן / „ פּערלים	3½—4½ זונט. 9½—10½ / 11—1 6—7½ זונט. 11—1
פֿרויען קראַנקהייטן	ד"ר אַראָנסאָן / „ אייגעראָוואַ	12—1 זונטאָג 12—1 / דינסטאָג, פֿרײַטאָג 1½—2½ / מאָנ. מיטוו. דאָנ. ש. 10³⁰—11³⁰
נאָז, האַלז און אויערן קראַנקהייטן	ד"ר העלמאַן / „ ראַבינאָוויטש	3½—4½ חוץ זונטאָג / 12—2 זונט. 12—2
הויט און ווענערישע קראַנקהייטן	ד"ר פּאָלאַק / „ זאָנענבערג	3—4 זונטאָג 9—10 / 11—12 זונטאָג 11—12
רענטגענאָלאָג	ד"ר כיילסאָן	3—7
ערצטליכע אַנאַליזן	ד"ר מ. קאַצען	

וויזיטן אין שטאָט. — באַנקען-שטעלן. רענטגענאָגראַפֿיע וסטאַלוכע דורשראַכט. — (קוואַרץ לאַמפּען), עלעקטריזאַציע אַנאַליזן און אונטערזוכונגען. די רעטשניצע איז אָפֿן טעגליך פֿון 8.30 פֿריה ביז 7.30 אָוונט. זונטאָג פֿון 8.30 פֿריה ביז 2 אַ זייגער נאָכמ.

רעטשניצע פֿון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטן
און ערצטליך-רענטגענאָלאָגישער קאַבינעט
זגיערסקאַ 17, טעל. 16-33.

ד"ר ראַטאַוואָסקי	נאָז, האַלז, אויערן קר.	10-11 3-5 / 6½-7½
ד"ר רוזשאַנסקי	הויט-און געשלעכט-קר.	10-11 / 1-3
ד"ר גאָלדשטיין-פּאָלאַק	אויגן-קראַנקהייטן	1-3
ד"ר יוסטמאַן	נערווען-קראַנקהייטן	12-2
ד"ר ראָזענצווייג	קינדער-קראַנקהייטן	10-12 4-5
ד"ר פּאָפּיערני	פֿרויען-און געבורטס-הילף	11½-1 5-6
ד"ר קאַנטאָר	כירורגיש-קראַנקהייטן	4-5 זונ. 1-2
ד"ר ווײַנבערג	אינערע האַרץ לונגען-קר.	11-1 6½-7
ד"ר המופּעל	רענטגען	2-12 4-6
א. בראָדזענשיק	צאָהן-אַרצט	3-7
נ. ראַזעס	צאָהן-אַרצט	9-2

צאָהן-פֿערגרעסערונג, בעלייכטונגען, קאָרקען, טעסטן, א אז. וו.
בײַ דער רעטשניצע איז געעפֿנט געוואָרן
רענטגען-אינסטיטוט
היילונג פֿון הויט-קראַנקהייטן פֿון קאָפּ (פּאַרך) מיט רענטגענשטראַהלען, פֿעט בעשטראַהלונג און דורכלייכטונגען, קוואַרץ-לאַמפּע, דיאַטערמיע, עלעקטריזאַציע, אַלע בעקאַנטע אַנאַליזן. אַ קורס פֿאַר שוואַנגערע.
אימפּפֿונגען קעגן שאַרלאַך (שקאַרלאַטין) פֿון 4—5 נאָכמ.
די רעטשניצע איז אויך אָפֿן זונטאָג.
וויזיט אין דער שטאָט.

ערץ-געשעפֿט
ALASKA
Piotrkowska 19, tel. 62-23
עמפּפֿעהלט: פּעלצען לויט די נײַעסטע מאָדעלן
אויף לאַגער גרויסער אויסוואַהל פֿון פּעלץ-ווארען
אויף לײַכטע בעדינגונגען.
באַמערקונג: קירזשנער-ווערקשטעל אויפ'ן אָרט, נעהמט אָן אַלערליי קירזשנער-אַרבייט. 659

LEKARZ-DENTYSTA-צאָהן-אַרצט
M. KARABANOW
וואָסכאָדניאַ 31 (אין הויף) טעלעפֿאָן 60-59
היילט, פּלאָמבירט ציהט צייהן גאַנץ אָהן שמערצן, קינסטליכע ציין אָהנע גומענס און רעפּעראַטורן ווערן שנעל און ביליג אויסגעפֿירט.
נעהמט אָן פֿון 9 פֿריה ביז 8 אין אָוונט. 1195
רעטשניצע פּרייזן. בעראַטונג אומזיסט.

Dr. med.
S. KANTOR
ספעציאליסט פון הויט- און
וועגערישע קרענקהייטען
און מענער-שוואכע.
בעהאנדלונג מיט רענטגען-
שטראהלען און קווארץ-לאמפ,
עלעקטריזאציע.
פיעטריקויער 144
(עק עהאנגעליצקא)
טעלעפאן 29-45.
עמפפאנגט פון 8 — 2 מיטאג
און פון 5—8 אין אווענד. אין
"Sanitas" ציגעל' אם 29
טעגליך פון 2 ביז 4 נאכמיטאג.

Dr. med.
STUPEL
Szkolna 12
ספעציאליסט פאר הויט, האר
און וועגערישע קרענקהייטען,
מענער-שוואכע. רענטגען-
שטראהלען און קווארץ-ליכט,
עלעקטרא-טערפיע.
נעמט אן פון 6—9 און אווענד

די מוסטערהאפטע שולע פאר יודישע אינטעליגענץ פון נאוואמיעסקא-געגענד!
Dla dzieci żyd. inteligencji północnej dzielnicy miasta.

7 קלאסיגע
שולע
— פון —
קאצענעלזאן-
נאחומאוו
נאד לודקא 6 נייע נאס
ביי נאוואמיעסקא.

שילער און שילערינס פון 6—14 יאהר
ווערען אנגענומען אין די שולע-קלאסען.
50% בילינער
אין די נאכמיטאג-שולע פאר אונבעמיטעלטע.
פויליש
איז די אונטערריכטס שפראך פון אלע למודים.
העברעאיש
איז אלע למודי-קודש ווערט געלערנט גרינדליך

7-kl.
SZKOŁA
KACENELSON-
NACHUMOW
ul.nad Łódką Nr .6
przy Nowomiejskiej.

אונטער דער פערזענליכער השגחה און הנהלה פון ר' בנימין יעקב קאצענעלזאן ווערט געפיהרט ספעציעל פאר
קנאבען פון בעסערע ארטאדאקסישע עלטערן (פון 4—14 יאהר)
א רעלינ'עזער חדר (נאכמיטאג פון 4—7)
מיט דעם חדר-פראגראם פון אלע למודי-קודש: חומש רש"י, תנ"ך, פסוק, גמרא.

ד' אלול 1927 1/9 — אנפאנג פון די לעקציעס. אלע שילער און שילערינס מוזען קומען אין שולע.
איין פ' ייבונגען פון 2-11 און פון 7-4. מיטבריינגען א מעטריקע און א פאטאגראפיע פון קינד.

Freblówka nowoczesna ◆ מאדערנע פרעבעלשולע
פאר קינדער פון 3-6 יאהר.
פויליש אונטעררירכטס-שפראך אין דער 1-טער גרופע. העברעאיש — אין דער 2-טער גרופע. מוזיק, ריטמישע
גימנאסטיק, ריטמישע טענץ, האנדארבייט, גוטע אויפזיכט, ענטוויקלונג און בעסטע ערציהונג.
50% בילינער איז די נאכמיטאג פרעבלשולען פון 2—6 פאר אונבעמיטעלטע אדער שוואכע קינדער.

לעטשניצע
פון דאקטוירים ספעציאליסטען
בושעזשונער 11, טעל. 37-63
אפען פון 9 פריה ביז 7 אווענד

ד"ר וואליאנסקי	נאז, האלז, אויערן-קר.	4—8
ד"ר קערשנער	קינדער-קראנקהייטען	12—9½ 5—4
ד"ר פינקמאן	אינעווייניגע קראנקה.	1—11
ד"ר לוביטש	הויט-און געשלעכטס קר.	2—12
ד"ר שטיינגאלד	נערווען און גייסטיגע קר.	8—1
ד"ר גאלדבלאט	אויגען-קראנקהייטען	5—12.30
ד"ר עליאסבערג	כירורגישע קראנקה.	1 —
ד"ר בערנשטיין	פרויען און געבורטס-הילף	4—8

מכונע-טעראפיע, פאר ריכטונגען פון שטימלען א. א. ז.
באקען-שפעלען, קונסטליכע בעדער, בעסטראהלונג
שמירונגען, מאסאזשען, עלעקטריזאציע, טעראפיע. אויך
טערמאג — הייזער און שפיטאל. — אין לאבאראטאריע
ווערען געמאכט אלע ארט אנאליזען, פון אורין,
בלוט און ליקוואר. 2120
אימפונגען געגען שקארלאטין,
פון דער לעטשניצע איז בעקומען געווארען א
דיקנאמיטשער סאקינע
עם נעהמען אן!

ד"ר זילבערשטיין	צאהן-ארצט	2—10 נ"מ.
ד"ר לאזשינסקא סמאראפאלסקא	צאהן-ארצט	7—3

קינסטליכע ציין, קראנען, פלאמבעס א. ז. וו.
די לעטשניצע איז אויך עפענטליך יום-טוב.

ניי־היטען!!!
די נייעסטע מאדעלען
פון פרילינג
696
פעלץ־ווארע
במפעהלט אויף ליכטע בעדינגונגען
A. FISZLEWICZ
NARUTOWICZA 12, tel. 34-66.

תקעו בחודש שופר
בכסה ליום חגינו
כי חוק לישראל הוא משפט...
זאל מען זיך ווענדען גלייך אין ביורא
17 פעטריקויער 17
2-טען הויף, פארטער, רעכטס און זאכאדניא 52, וואו
מ'ווערט ערלעדיגט און געצייגט אלערליי בימעט לויפן
אונמאנט, קלאגעס, זאכפריעשעניעס אויף
אלע שטעדט און דערפער, אפעלאציעס, אפעלאציעס,
אדוואקאטען, רעקורסען, וועגען טעמער און פר-
טיפאריעס-רוסלאנד, ציען דירה און אויסגעהאנד
רעזשעטען און אין אלע פאליציי-בעצירקען, שותפות-
אקטען, סטאטוטען, אקטען אינטערציוועס,
אקטען דאראגאניעס, קארנע ספראווען, אז אויך
איבערזעצונגען אין אלע שפראכען.
